# פרשת שמות י"ט - כ"ה טבת תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת שמות***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **שמואל ארי' לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש פאיע. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הר"ר **חיים יהודה שפיטץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה יהודה ראטה** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ובחן את תלמידי הישיבה על החזרה של שלחן ערוך שלמדו במשך הזמן (סי' שי"ט - הל' בורר), והתפלל שם תפלת מנחה.

בשעות הערב הגיעו הרב **דוד הופשטאטער** שליט"א נשיא הארגון העולמי '**דרשו**', וחברי הנהלת הארגון, לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**הר"ר דוד** (הציג הספר החדש **מפתח על המשנה ברורה**): דאס איז די גרויסע נייע יצירה.

**רבינו:** איר האט אויך ארויסגעגעבן א ספר (**דרש דוד**) אויף די תורה, און אויף מועדים, און אויף פרקי אבות.

**הר"ר דוד:** און דאס איז אויף משנה ברורה.

**רבינו:** די מפתח איז נאר אויף משנה ברורה, צו אויך אויף די הוספות?

**הר"ר דוד:** אויף אלעם. מען האפט אז דאס וועט זיין א גרויסע תועלת. מען קען טרעפן אסאך שאלות זייער גרינג.

**רבינו:** איך נוץ די משנה ברורה (מהדורת דרשו).

**הר"ר יואל פייערווערקער** (משב"ק): דער רב לערנט פאר יעדן טאג פאר די בחורים א שיעור אין שלחן ערוך, סיי אין ישיבה גדולה און סיי ישיבה קטנה, און די תלמידים פון די ישיבה קטנה האבן געקויפט א מתנה, א איינגעבינדענע משנה ברורה אין לעדער.

**הר"ר דוד:** איך אליין האב נישט אזא שיינע משנה ברורה. איך האב נישט די תלמידים אזוי ווי דער רב...

**רבינו:** איך האף אז עס זאל נישט בלייבן אזוי שיין, מען זאל עס צורייסן. אז עס בלייבט שיין, איז נישט קיין חידוש.

**הר"ר שלמה וועבער:** א שווער האט אמאל געקויפט א ש"ס פארן איידעם א חתן, האט ער אים געזאגט, טאמער עס וועט זיך צורייסן, וועל איך דיר קויפן א נייע. טאמער נישט, וועל איך דאס אויך צונעמען.

**רבינו:** אזא רעוואלאשא"ן איז נישט געווען אסאך דורות, אז א יחיד זאל קענען טוישן א סדר החיים פון אזויפיל מענטשן, עס איז א עקסטערע זכיה, אזויפיל טויזענטער יודען זענען נהנה דערפון. עס איז א זכות הרבים. איך פערזענליך האב א הכרת הטוב, מיינע קינדער און אייניקלעך האלטן מיט.

**הר"ר דוד:** אין די פריערדיגע דורות האט מען געהערט אזא זאך?

**רבינו:** אין לימוד התורה איז זיכער א אכשיר דרא. מען חזר'ט און מען פארהערט זיך. אין די צייטן האט מען אפילו א בחור שוין נישט געקענט פארהערן, און היינט יונגעלייט און ארבייטערס שטעלן זיך צו פון זיך אליין.

**הר"ר שלמה:** אסאך ישיבות האבן די פראבלעם. אין די חסידישע ישיבות ווען א בחור ווערט אכצן ניינצן יאר, איז א גרויסע פראבלעם. רוב ישיבות שיקן אוועק די בחורים אויף ארץ ישראל, אפילו א בחור וויל בלייבן, עס איז נישט דא קיין פלאץ פאר אים. אבער זייט עס איז דא די אלע מסגרת'ן, איז ממש א טויש, דער בחור לערנט כאטש דאס, און דער בחור איז צופרידן פון זיין לערנען.

**הר"ר דוד:** אין די ליטווישע ישיבות איז דער פראבלעם מער, ווייל זיי זענען יונגעלייט, און מען לערנט לומדות, זיי האבן א מסגרת פון די לומדות, און ביי די פינף און צוואנציג יאר, דרייסיג יאר, ווייסט ער גארנישט. ער האט גארנישט קונה געווען בכמות.

**רבינו:** ביי אונז אין ישיבה איז דא צוויי גרופעס. איינס וואס לערנט ובהם נהגה, א עמוד יעדן טאג. און עס איז דא א שיעור אויף דף היומי. מיין זון גיט יעדן טאג א שיעור אין דף היומי ביי לאנטש, א דריי פערטל שעה, און פון דעם איז דא בחורים וואס נעמען די בחינות יעדן חודש.

**הר"ר דוד:** זיי לערנען משנה ברורה אויך?

**הרה"ג רבי משה מרדכי:** אין ישיבה איז דא א סדר אין שלחן ערוך, דעמאלטס לערנען זיי משנה ברורה.

**רבינו:** נאך יעדן סעיף וואס מען ענדיגט דעם שלחן ערוך אינעווייניג, לערנט מען די משנה ברורה דערויף.

**הר"ר יואל:** אין ישיבה קטנה יעדן טאג נאך מנחה לערנט דער רב פאר א שיעור אין משנה ברורה פופצן מינוט.

**הר"ר דוד:** וואס איז מיט קנין חכמה, מיט מוסר?
**רבינו:** ביי אונז אין די קהלה איז אויך דא א מסגרת 'ובהם נהגה', א עמוד א טאג, און מען האט יעצט צוגעלייגט מוסר, מסילת ישרים. מען באקומט מער געלט אויב מען לערנט אויך די מוסר.
**הר"ר דוד:** אין וועלכע ספרים?
**רבינו:** מיר האבן אנגעהויבן מיט מסילת ישרים.
**הר"ר דוד:** אונזער פראגראם איז מסילת ישרים, און חובות הלבבות.
**רבינו:** חובת הלבבות איז שווער צו לערנען פאר בעלי בתים.
**הר"ר דוד:** מען לערנט נאר א חלק. און פרקי אבות, און ארחות צדיקים. ארחות צדיקים איז זייער וויכטיג. און די ערשטע פרק פון תומר דבורה.
**רבינו:** צו פירן זיך נאכדעם אזוי, דאס איז שווערער.
**רבינו** (פנה אל הר"ר **שלמה וועבער**)**:** דו טוסט דאך אויך אין די ענינים (במסגרת '**והגית**' שע"י ק"ק פאפא).
**הר"ר שלמה:** יא. אונז האבן מיר נישט קיין מוסר, איך האב שוין געטראכט צו מאכן.
**רבינו:** דרשו איז דער רבי, זיי האבן אויסגעלערנט.
**הר"ר שלמה:** יונגעלייט זענען געווארן פשוט נארמאלע מענטשן, פון די פראגרעם'ס. עס זענען געווען יונגעלייט וואס זייט די פופצן יאר האבן זיי נישט געלערנט. - זיי זענען געווארן ממש נארמאלע מענטשן. די שטובער זענען געטוישט געווארן. עס איז מורא'דיג.
**הר"ר דוד:** אבער יעצט איז נישט קיין פשוטע צייט, מען דארף אסאך סייעתא דשמיא.
**רבינו:** און איר דארפט האבן אסאך הצלחה אין די געשעפטן, מען זאל דאס קענען ווייטער ממשיך זיין.
**הר"ר דוד:** אמן.
**הר"ר דוד:** דער רב האט געקענט ר' אהרן קאהן?
**רבינו:** יא. ער איז געווען א חברותא פון מיין זון.
**הר"ר שלמה:** אזא פראקטי"ר (נותן הבחינות), ווייס איך נישט אויב עס איז דא נאך איינס. ווען ער האט געזעהן אז איינער האט שוועריקייטן צו פארשטיין די שאלות, האט ער עס מסביר געווען. - חוץ דעם וואס ער האט אליינס געלערנט, האט ער צוגעהאלפן צו נעמען די בחינות.
**הר"ר דוד:** עס איז דא א פראקטע"ר וואס לעבט מיט דרשו, און עס איז דא וואס נעמען עס אלץ א דזשא"ב.
**הר"ר אהרן גאביוף:** ער האט גענומען די קנין ש"ס בחינות (על כל הש"ס), איך מיין אז ער האט באקומען א זיבן און אכציג.
**הגרמ"מ:** ער האט געלאזט צוואה מען זאל מיטלייגן אין קבר אלע זיינע בחינות.
**רבינו:** עס האט מיר פארציילט איינער, אז ער האט געזוכט צו נעמען א בחור פאר אן איידעם. און די ישיבה זאגט דאך אויף יעדן איינעם גוט. ער האט געוואוסט אז ער לערנט אין איינע פון די מסגרת'ן, און ער נעמט די בחינות יעדן חודש. האט ער אנגערופן דעם וואס פירט די בחינות, און ער האט אים געזאגט, איך ווייס אז דער און דער בחור נעמט ביי דיר די בחינות, זאג מיר זיינע מארק"ס. ער האט געוואלט וויסן וואס פאר א בחור ער איז. זאגט ער, ניין, דאס איז א סיקרע"ט, דאס געב איך נישט ארויס. ער איז געווארן א חתן. נאכדעם וואס ער איז געווארן א חתן, האט יענער אים געזאגט, יעצט קען איך דיר זאגן, אז ער האט געהאט הונדערט אויף אלע בחינות. - איך וויל ארויסברענגען עס דארף איינפאלן אז מען זאל גיין פרעגן, וואו ער נעמט די בחינות, דארט וועט ער וויסן דעם אמת, וואס ער קען, און וואס ער קען נישט.
**הר"ר דוד:** אין ארץ ישראל פרעגן זיי דעם שדכן, אויב דער בחור נעמט די בחינות פון דרשו. איינע פון די קרייטערי"ע פון א שידוך איז, צו ער נעמט די בחינות.
**רבינו:** עס איז טאקע חשוב. דרשו ה' ועוזו בקשו פניו תמיד, דאס איז דאך אייער פסוק (לומר קודם יהיו לרצון).
**הר"ר דוד:** פונעם **ווילנער גאון** (משלי א-כח) איז דא א ווארט, אז דרשו ה' ועוזו, זו תורה. בקשו פניו תמיד (תהלים קה-ד), זו תפלה. דער אנפאנג פון דרשו איז געווען א כולל בעלי בתים, ביי מיר אין אפיס. די דגוש איז געווען, לערנען מיט בעלי בתים, און אן אמת'ע דאווענען פון בעלי בתים, דאס איז געווען די מטרה. דרשו ה' ועוזו, בעלי בתים זאלן ערנסט לערנען. בקשו פניו תמיד, און אמת'דיג דאווענען.
**רבינו:** אין דעם נאמען ליגט דאך דער שורש פונעם מענטש, נפש חיה הוא שמו (בראשית ב-יט), אז אין דעם פסוק איז מרומז דער נאמען פונעם מענטש, ליגט דאך עפעס אין דעם פסוק.
**הר"ר דוד:** מיין נאמען איז אויך מרדכי, מה אהבתי תורתך כל היום הוא שיחתי.
**רבינו:** קען מען האבן נאך א פרישער פראגראם, מה אהבתי...
דער אייבערשטער זאל העלפן, עס זאל זיין מיט אסאך ברכה און הצלחה, און קענען מרביץ תורה זיין

מיט נחת און הרחבת הדעת, און עס זאל גרינג אנקומען, און קענען זיין א יששכר מיט א זבולון צוזאמען, תורה וגדולה במקום אחד. מען זאל זעהן שמחות און נחת ביי די קינדער און די אייניקלעך, בבריאות השלימות, מיט אלעם וואס מען דארף האבן דערצו אי"ה.

איך וויל אייך מכבד זיין מיט א ספר. עס איז נישט אזוי חשוב ווי דרש דוד, אבער מען קען עס אויך נוצן...

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ד סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט (נדפס בגליוננו בשבוע העעל"ט).

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **פנחס יעקב געלב** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **נפתלי צבי סופר** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת שמות***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **יעקב** נ"ו ב"ר **ברוך מרדכי רייך** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלום אייזענבערג** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה.

אחר החופה התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל שמחת האירוסין של החתן **צבי** נ"ו ב"ר **לייב ראזנעבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהושע דוד הערשקא** הי"ו.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **יעקב רייך** נ"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת שמות***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודה. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יוסף יצחק ווייס** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה די ענין פון מילה. משה רבינו איז געגאנגען אויף מצרים, און ער האט געהאט א קינד וואס ער האט געדארפט מאכען א ברית, און ער האט זיך מתעצל געווען במלון, משה רבינו איז געווען אין א סכנה, איז געקומען צפורה, און זי האט גענומען א צור, זי האט גענומען א שטיינדל, ותכרות את ערלת בנה, און זי האט גע'מל'ט דאס קינד, אז אמרה חתן דמים למולות (שמות ד-כד).

**איך** האב געהערט אמאל פון מיין טאטען ז"ל, האט ער פארציילט, אז דער **ברוך טעם**, כמעט אין אלע זיינע ספרים וואס ער האט געהאט, איז געווען אנגעשריבן מיט הגהות דערויף. די רעבעצין פונעם ברוך טעם פלעגט יעדן שבת צו ליינען די צאינה וראינה, [אמאל איז נישט געווען עפעס אנדערש פאר יודענעס צו ליינען], אין צאינה וראינה איז צוגעברענגט אסאך מדרשים, וואס איז נישט דא אין אונזערע מדרשים. זי פלעגט עס צו ליינען הויך, און אמאל האט ער געהערט ווי אזוי זי ליינט פונעם **צאינה וראינה** (פרשת שמות), אז ער ברענגט א מדרש, אז מען מל'ט היינט מיט א מעסער, נישט מיט א שטיין. אין פסוק שטייט ותקח צפורה צור ותכרות את ערלת בנה, וואלט מען געדארפט נעמען א שטיינדל צו מל'ן. זאגט דער מדרש, אז ווען דוד המלך האט געהאט צוטון מיט גלית, האט ער גענומען א שטיין, און ער האט עס געווארפן אויף גלית, און ער האט אים גע'הרג'ט. גלית איז געווען ארומגענומען מיט א פאנצער פון ברזל, אייזן, און א שטיין קען נישט אדורכלעכערן אייזן, האט עס נישט געקענט אדורכגיין. האט דער שר פונעם שטיין, געבעטן דעם שר פון אייזן, אז דער אייזן זאל זיך אוועקרוקן, כדי דוד המלך זאל קענען הרג'ענען גלית מיט דעם שטיין. האט דער ברזל געפרעגט, וואס ווועסטו מיר צוריקבאצאלן דערפאר. האט דער שטיין געענטפערט, אז ביז יעצט האט מען גע'מל'ט מיט א צור, איך געב דיר איבער, אז פון היינט וועט

מען מל'ן מיט א מעסער. האט זיך דער אייזן אוועקגערוקט, און דער שטיין האט גע'הרג'ט גלית.

**ווען** דער ברוך טעם האט דאס געהערט, איז עס אים געווען א געוואלדיגער פלא, און ער האט אנגעהויבן צו זוכן צו עס איז דא א מקור דערויף. אין **שלחן ערוך** (יו"ד רסד-ב) שטייט, בכל מלין, מיט אלעם קען מען מל'ן, ומצוה מן המובחר אז מען זאל מל'ן מיט א ברזל. אדער מיט א סכין, וואו אונז טו מיר, אדער מיט א מספרים, א שערל, וואס איז אויך פון ברזל. ונהגו למול בסכין. כאטש מען קען נוצן א שערל אדער א אייזען, זאל מען נוצן א מעסער. וואו איז דער מקור אז מצוה מן המובחר אז מען זאל נעמען ברזל. אין פסוק שטייט דאך, אז מען האט גענומען א צור, און מען האט גע'מל'ט. האט דער ברוך טעם צוגעשריבן, אז דער מקור פונעם שלחן ערוך, איז דער מדרש.

**קומט** אויס אז אין פסוק שטייט אז מען זאל נעמען א צור, און אזוי איז געווען אמאל דער מנהג, אז מען האט גע'מל'ט מיט א שטיינדל. עס קען זיין א ענין פארוואס לכתחלה איז געווען אראפגעשטעלט די מצוה צו מל'ן מיט א צור, מיט א שטיינדל. מצות מילה איז כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כג) זו מילה (גיטין נז:). עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס איז נישט דער פשט אז מצות מילה אליין איז כי עליך הרגנו כל היום, רובא דרובא קינדער איז נישט קיין הרגנו בשעת מען מל'ט זיי. נאר דער פשט דערפון איז, א יוד דארף האבן מסירת נפש א גאנץ לעבן. יעדן טאג ווען מען האט א נסיון פון א עבירה איז עס א מסירת נפש, ער דארף אפפערן פון זיך פארן אייבערשטען. פון וואו האט מען די כוחות הנפש אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע. דורכדעם וואס מען מל'ט א קינד תיכף ווען ער ווערט געבוירן, און דאס איז דאך א מצוה וואס איז פארבינדען מיט מסירת נפש, לייגט מען אריין אין דעם קינד א כוח פון מסירת נפש, אז ער זאל קענען פארגיסן זיין בלוט פארן אייבערשטען. כי עליך הרגנו כל היום, דאס וואס אונז לאז מיר זיך הרג'ענן פארן אייבערשטען, כל היום, יעדן טאג האט דאך א מענטש מסירת נפש וואס ער דארף זיך לאזן הרג'ענען פארן אייבערשטען, פון וואו נעמט זיך דער כח, זו מילה, דאס נעמט זיך פון מצות מילה, דאס גיט דעם כח פון מסירת נפש פאר א קינד אויף שפעטער.

**דער** הייליגער **חתם סופר** זאגט (בפרשתנו יז:) א'ז א'מרה ח'תן ד'מים ל'מולות (ד-כו), איז די ראשי תיבות 'א-ל אחד'. זאגט דער חתם סופר, א-ל אחד איז בגימטריא ד"ם. וואס איז א-ל אחד פארבינדן מיט דם. לויט דעם איז דער פשט, ווייל דורך דעם דם מילה וואס א יוד מל'ט זיין קינד, א-ל אחד, האט ער דעם כח פון מסירת נפש, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, זיך צו קענען לאזן הרג'ענען פארן אייבערשטען. כי עליך הרגנו כל היום, דאס נעמט זיך פון מילה.

**עס** איז דא תרי"ג מצות אין די תורה. די צוויי הונדערט זעקס און ניינציג'סטע מצוה אין די תורה, איז די מצוה פון מסירת נפש. ונקדשתי בתוך בני ישראל (ויקרא כב-לב), איז מצוה רצ"ו, דאס איז צו"ר. ווען מען מל'ט א קינד, גיט מען אריין אינעם קינד דעם כח פון מסירת נפש, וואס מען לייגט אריין בשעת מען מל'ט אים. האט מען גענומען א צור, וואס צור איז רצ"ו, וואס דאס איז די מצוה פון ונקדשתי בתוך בני ישראל, צו ווייזען אז דורכדעם וואס מען מל'ט א קינד, האט מען דעם כח שפעטער אז מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען. ווען עס וועט אויספעלן אז א מענטש זאל זיך דארפן אוועקגעבן פארן אייבערשטען, זאל ער האבן די כוחות דערצו, אז ער זאל זיך קענען מוסר נפש זיין. וועגן דעם איז דא א ענין לכתחלה אז מען זאל נעמען א צור צו מל'ן א קינד, ווייל אין צור ליגט די רמז פון מסירת נפש.

**אונז** מל'ן היינט מיט א סכין, ווייל דוד המלך האט אזוי אויסגעבעטן בשעת ער האט געדארפט הרג'ענען גלית. א סכין ווערט אנגערופן אין די תורה א מאכלת, אזוי געפונט מען ביי די עקידה, ויקח את המאכלת לשחוט את בנו (בראשית כב-ו). עס שטייט אין מדרש (ב"ר נו-ג), פארוואס הייסט עס מאכלת. ווייל אין דעם זכות עסן מיר, כלל ישראל האט פרנסה אין זכות פון די עקידה. די מעשה פונעם סכין איז מאכלת, דאס גיט צו עסן. יעדער טאטע ווען ער מל'ט דאס קינד, נעמט ער א מאכלת, ווייל די גמרא (נדה לא:) זאגט, בא זכר בעולם בא ככרו בידו, ווען א יונגעל קומט אויף דער וועלט, ברענגט ער מיט א שפע פון פרנסה אויך. עס קען זיין אז דער טעם דערפון איז, ווייל א יונגעל מל'ט מען, און מילה ברענגט א שפע פון פרנסה, מען נעמט א סכין, און

דער סכין איז מאכלת, איז וועגן דעם ווען עס איז נולד בן זכר איז ככרו בידו, קומט מיט די פרנסה.

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ישעי' פריעד** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** דער טאטע האט געהייסען ישעיה, עס איז געווען א שאלה ביי די כתובה, ווי אזוי מען זאל שרייבען ישעיה צו ישעיהו. עס זענען געווען דארט פיר רבנים, דער סאטמארער רב, דער קראסנא רב, דער שארמאשער רב, און דער ריסקעווער רב. דער סאטמארער רב איז געווען דער מסדר קידושין. און מען האט געמאכט א פשרה, אז מען זאל שרייבען ישעיה' מיט א שטרעכל. (והראו לרבינו את הכתובה).

**רבינו:** איך זעה אז נאר די ערשטע מאל האט מען געשריבן מיט א שטרעכל, און נישט נאכדעם. זעהט אויס אז מען האט נאכגעגעבן פארן יעדן איינעם.

**א' האבלים:** מען האט אים אויפגערופן צו די תורה ישעיהו.

**רבינו:** דער טעם פון ישעי' איז, ווייל ישעיהו הנביא האט מען גע'הרג'ט, וועגן דעם האלטן אטייל אז די נאמען ישעי' וואס מען גיט, גיט מען נישט נאך ישעיהו הנביא (**ים של שלמה** גיטין פרק ד' סימן ל"א אות יו"ד).

**א' האבלים:** דער **חזון איש** האט זיך גערופן ישעיהו.

**רבינו:** עס איז דא א שמועס אין די פוסקים, אין **בית שמואל** (הל' גיטין), ווי אזוי מען דארף שרייבן. ביי א גט איז עס מעכב.

ווייל עס איז געווען א פראבלעם מיטן נאמען, האבן אסאך מדקדק געווען אז בשעת מען האט געגעבן א נאמען האט מען געגעבן ישעיהו.

**רבינו:** איינער האט מיך געפרעגט די וואך, אז ער וויל א נאמען געבן נאך א זיידע, דער זיידע האט געהייסען עקיבא, און ער פלעגט מקפיד זיין צו שרייבען עקיבה מיט א ה"א. ער האט געהייסען נאך רבי עקיבה יוסף שלעזינגער, וואס ער האט זיך געשריבען מיט א ה"א. און ער האט נישט קיין חשק מיט א ה"א, ער וויל עקיבא מיט א אל"ף. האב איך אים געזאגט, אז ווען מען גיט די נאמען, און מען זאגט ויקרא שמו בישראל, איז עס די זעלבע צו עס איז מיט אל"ף צו מיט א ה"א. זיך אונטערשרייבען קען מען אזוי צו אזוי.

**א' האבלים:** ביי א ספרדישער ווארט געווען א חילוק אין די הברה.

**רבינו:** ביי אונז איז נישט קיין חילוק. - ביי א גט טוט זיך אין די פוסקים ווי אזוי מען דארף צו שרייבען.

**א' האבלים:** פון וואו נעמט זיך עקיבה מיט א ה"א.

**רבינו:** עס איז דא אויף דעם א מקור (עיין **נחלת שבעה** סימן מ"ו אות ע', **ובבית שמואל** אות ע', **ובשו"ת חתם סופר** אבה"ע ח"ב סימן כה).

**א' האבלים:** אויב ער רופט זיך מיט א אלף, הייסט ער נאך דעם זיידען?

**רבינו:** עס איז דאך די זעלבע נאמען.

*

**א' האבלים:** מען האט געזאגט דא אז דער רב גייט קומען, האב איך מיך דערמאנט, אז איך בין געווען א פריינט מיט ר' משה פוקס, און יארן צוריק איז ער געזעסן שבעה, האט ער מיר געזאגט אז דער רב איז אים געקומען מנחם אבל זיין. ער האט נישט געהאט קיין שייכות, נאר ווען ער איז אריינגעקומען אין די ישיבה אלץ בחור, איז דער רב אויך געווען אין ישיבה, און פון דארט האט מען זיך געקענט. און דער רב איז געקומען מנחם אבל זיין. יארן שפעטער האט ער עס נאך געדענקט.

**רבינו:** ניחום אבלים איז לחיים ולמתים (**רמב"ם** הל' אבל פרק יד), עס איז נישט נאר פאר די מענטשען וואס זענען דא, נאר פאר די נשמה וואס איז אוועק איז עס אויך א ניחום.

**א' האבלים:** וועגן דעם זאגט מען המקום ינחם 'אתכם', אפילו ווען נאר איינער זיצט שבעה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום רביעי פרשת שמות***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אשר מרדכי גרינפעלד** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סאטמאר (וואלאבאוט). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **משה יוסף פאשקעס** ע"ה, ואצל משפחת **יעקב הערש פארקאש** ע"ה.

*

***<u>יום חמישי פרשת שמות</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה ומסר שיעור השבועי באור החיים הק'.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לסידור קידושין אצל החופה של החתן **שמעון** (ב"ר חיים ברוך) **בראדי** נ"ו, עב"ג בת הר"ר **גבריאל דוב קראמארסקי** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי' שרה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרב **משה מאיר קאליש** הי"ו שהתקיים באולם שיקס מענאר. ואצל הבר מצוה של בן הר"ר **משה אייגנער** הי"ו, שהתקיים באולם סעוויל מענאר.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **שמואל ליכטנשטיין** הי"ו (חתן הר"ר שלמה זלמן נייהויז הי"ו), עב"ג בן הר"ר **ירחמיאל פיקהולץ** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שישי פרשת שמות</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **משה אייגנער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להרי הקעטסקילס לשהות ב'שבת התוועדות' יחד עם תלמידי הישיבה גדולה, במלון שאלע"י.

***<u>שבת קודש פרשת שמות</u>***

לתפלת מנחה בערב שב"ק עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה. אחר תפלת מנחה נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק') בדברי פתיחה, והביע גודל מעלת השבת מרוממת כזו, וראוי לכל אחד לנצל השעות הנעלים של יום השבת כראוי.

בסיום התפלה אחר אמירת גוט שבת, נכנס **רבינו שליט"א** לערוך את שולחנו יחד עם תלמידי הישיבה, שעברה ברוב התרוממות הנפש, באמירת דברי תורה ובניגוני שיר ושבח ליום השבת. במשך הסעודות השמיע **רבינו שליט"א** שיחות קודש בדברי מוסר וחסידות מפי ספרים וסופרים בעניני הפרשה. בסעודת ליל שב"ק נאמו המנהל **הרה"ג רבי אלימלך שפיטצער שליט"א, הרה"ג רבי יעקב יצחק אלבוים שליט"א, והרה"ג רבי בנימין פאפלאנאש שליט"א**. ובסעודת יום שב"ק נאמו **הרה"ג רבי יואל וואלפין שליט"א, והרה"ג רבי חיים היילפרין שליט"א**.

לעת נטו צללי ערב הסיבו תלמידי הישיבה לסעודת רעוא דרעוין שנערכה בהתעוררות רב בחשיכה כאורה. באמירת דברי תורה האריך **רבינו שליט"א** בדברי הדרכה ומוסר לתלמידיו הנאמנים.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מיר** זיצן דא אינאיינעם, שבת התוועדות, מען האלט שוין ביים סיום פונעם שבת, עס איז געווען א שבת התעלות פאר יעדן איינעם. א שבת וואס מען האט געלעבט אין א אטמאספער פון דערהויבענקייט. ווען מען ענדיגט דעם שבת, דארף מען זיך מאכן א שטיקל חשבון הנפש פון אלעם וואס מען האט געהערט דעם שבת, און וואס מען נעמט אהיים אויף די קומענדיגע וואך, זיך טוישן אין די זאכן וואס פעלט אויס.

**מען** בעהט יעדן שבת, הרחמן הוא ינחילנו יום שכולו שבת, דער אייבערשטער זאל אונז מנחיל זיין א טאג וואס איז כולו שבת. פשוט פשט איז, אז עס גייט ארויף אויפן עולם הבא, יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים. עס קען זיין, אז עס ליגט נאך א בקשה אין די תפלה וואס מען בעהט, הרחמן הוא ינחילנו יום שכולו שבת.

**שבת** איז א קדושה וואס קומט אראפ אויף יעדן יוד. ויברך אלקים את יום השביעי, דער אייבערשטער

האט געבענטשט דעם זיבעטן טאג, ויקדש אותו, און דער אייבערשטער האט עס מקדש געווען. יעדע דבר שבקדושה וואס א מענטש וויל זוכה זיין דערצו, פארלאנגט זיך קודם א אתערותא דלתתא, נאכדעם קומט א אתערותא דלעילא. א מענטש הייבט אן צו טון, ער מאכט א התעוררות פון אונטען, נאכדעם קומט א התעוררות פון אויבן. שבת דארף נישט קיין אתערותא דלתתא, שבת האט דער אייבערשטער געבענטשט, ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו. יעדן יום טוב ענדיגט מען מקדש ישראל והזמנים, שבת ענדיגט מען, ברוך אתה ה' מקדש השבת, דער אייבערשטער איז מקדש דעם שבת, עס האט נישט צו טון מיט ישראל, עס האט נישט צו טון מיט אונז. יום טוב איז מקדש ישראל, דער אייבערשטער האט מקדש געווען יודען, יודען מאכן די ימים טובים, יודען זענען מקדש די חדשים, און אזוי ווערט אויסגעשטעלט די ימים טובים, ישראל ברענגט די קדושה אין די זמנים.

**שבת** האט יעדער יוד מינוטן פון קדושה וואס איז חל אויף אים. יעדער ערליכער יוד האט אין משך פונעם שבת א געוויסן זמן וואס ער ווערט נתעורר, מער ווי אין די איבריגע צייטן. אמאל איז עס תיכף אנהייב ווען דער שבת קומט אריין. אמאל איז עס ביי הודו, ווען מען הייבט אן צו דאווענען שבת'דיגע תפלות. אמאל דערוועקט ער זיך ביי לכו נרננה, אמאל ביי לכה דודי, אמאל ווערט ער דערהויבן בשעת ער קומט אהיים, און מען זאגט שלום עליכם. אמאל ביי קידוש, ביי זמירות פון שבת. אמאל איז עס ביים דאווענען, ביי נשמת. אמאל איז עס ביי שלש סעודות. יעדער איינער האט א געוויסע זמן אין שבת וואס דעמאלטס שטייט ער העכער פון די גאנצע וואך, דעמאלטס איז ער קונה אין זיך א געוויסע קדושה וואס מען איז קונה אין שבת.

**ערליכע** יודען, צדיקים, זענען קונה יעדע רגע פונעם שבת. זיי לעבן מיט די קדושה פון שבת. ער האט נישט קיין באשטימטן זמן אין שבת וואס דעמאלטס איז ער דערהויבן. אפשר איז ער מער דערהויבן אין א געוויסן זמן ווי אין א צווייטן זמן, אבער דעם גאנצן שבת, יעדע מינוט און יעדע רגע פונעם שבת, לעבט ער מיט די קדושה פונעם שבת. עס איז מקדש השבת, דאס וואס דער אייבערשטער איז מקדש דעם שבת, לעבט ער מיט, פיר און צוואנציג שעה מיט קדושת השבת. דאס איז ביי צדיקים. אבער המון עם איז נישט זוכה צו אזא מדריגה אז מען זאל לעבן דעם גאנצן שבת מיטן שבת, ער האט אבער געוויסע זמנים אינעם שבת, וואס דעמאלטס איז ער דערהויבן.

**עס איז אזא שבת התוועדות, וואס מען קומט זיך צוזאמען, עס איז נישט נאר א התעלות אין די געוויסע זמנים וואס ער וואלט געהאט אין די שטאט אויך, נאר מען האט דעם גאנצן שבת מיטגעלעבט מיט א דערהויבענעם זמן, יום קדוש הוא מבואו ועד צאתו, פון ווען מען איז געקומען, ביז מען גייט אהיים, ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט די תפלות, די סעודות, די זמירות, די דברי תורה, עס איז געווען א זמן וואס מען איז געווען דבוק מיט די קדושה פונעם שבת, דעם גאנצן שבת.**

**מען** בעהט פונעם אייבערשטען, דער באשעפער איז אונז מנחיל די קדושה פון שבת, אבער אסאך מאל איז עס נישט דעם גאנצן טאג פונעם שבת, ער האט נאר געוויסע זמנים אינעם שבת וואס ער ווערט נתעורר. הרחמן הוא ינחילנו, דער אייבערשטער זאל אונז געבן, אז עס זאל זיין יום שכולו שבת, א טאג וואס איז פול מיטן שבת, אז אונז זאל מיר זוכה זיין אז דער טאג זאל לייכטן ביי אונז יעדע מינוט פונעם שבת, עס זאל זיין א יום שכולו שבת! נישט א יום, וואס א טייל פון דעם שבת איז ער אזוי ווי אינדערוואכן, נאר עס איז דא זמנים ווען ער האט אין זיך די קדושה פון שבת. מען בעהט אז דער אייבערשטער זאל אונז מנחיל זיין, יום שכולו שבת, א טאג וואס דער גאנצער טאג זאל זיין ביי אונז שבת.

**און** דאס איז 'ינחילנו', דאס איז א נחלה, א נחלה איז א ירושה. צו א ירושה טוט א מענטש גארנישט. עס איז געשטארבן איינע פון די קרובים, באקומט ער דעם חלק אין די ירושה, ער האט גארנישט צוגעטון דערצו. אזוי איז קדושת שבת, באהבה וברצון הנחלתנו, דער אייבערשטער האט אונז מנחיל געווען דעם שבת, מען באקומט פונעם אייבערשטען א נחלה. אפילו מען האט נישט צוגעטון, פון דעסטוועגן דאך איז דא א התעוררות אינעם שבת.

**און** דאס בעהט מען יעדן שבת, אזוי ווי מיר האבן געהאט א שבת, זאלן מיר ויסן ווי אזוי א שבת דארף

אויסצוקוקן, א דערהויבענער זמן. בעהט מען, הרחמן הוא ינחילנו יום שכולו שבת, דער אייבערשטער זאל אונז מנחיל זיין, אז אלע שבתים, אפילו ווען מען גייט אהיים, מען איז אין די שטאט, דער שבת זאל לעבן ביים מענטש. עס זאל נישט זיין נאר די געוויסע זמנים אינעם שבת וואס דעמאלטס שטייט ער העכער, נאר עס זאל זיין יום שכולו שבת, א טאג וואס עס זאל זיין אנגעפולט דער גאנצער טאג מיטן שבת, מיט דעם אור וואס שבת ברענגט מיט זיך מיט.

*

**אין** די פרשה די וואך רעדט מען פון משה רבינו. ווי אזוי משה רבינו איז געבוירען געווארן, אין דעם שווערסטען זמן וואס יודען זענען געווען אין גלות מצרים, און די שוועריקייטן וואס איז געווען בשעת ער איז געבוירען, כל הבן הילוד היאורה תשליכהו, מען האט גוזר געווען אז יעדעס קינד דארף מען אריינווארפן אין וואסער. און ווי אזוי די מוטער יוכבד האט אים גענומען, און זי האט אים אריינגעלייגט אין א קעסטל, און ארויפגעלייגט אויפן וואסער. ותרד בת פרעה לרחוץ על היאור, די טאכטער פון פרעה איז געגאנגען זיך וואשן ביים יאור, און זי האט געזעהן די תיבה, ותשלח את אמתה ותקחה, זי האט גענומען דאס קעסטל, און זי האט געזעהן דאס קינד אינעווייניג, ותחמול עליו, און זי האט אים גענומען צו זיך אין שטוב. ותקרא שמו משה, זי האט אים אנגערופן משה, כי מן המים משיתיהו (שמות א-כב), איך האב אים ארויסגעצויגן פון וואסער. - אמת זי האט אים ארויסגעצויגן פון וואסער, אבער דאס גאנצע לעבן פונעם מענטש איז זיין נאמען, נפש חיה הוא שמו (בראשית ב-יט). דאס אז מען האט אים ארויסגעצויגן פונעם וואסער, איז נאר געווען א קלייניגקייט אין משה רבינו'ס לעבן. פארוואס ווייל מען האט אים ארויסגעצויגן פונעם וואסער, איז ער געבליבן מיט די נאמען משה.

**ממילא** אויף בת פרעה איז נישט קיין קשיא, ביי איר איז דאס געווען א גאנצער עסק. אבער אין מדרש (שמו"ר א-כז) שטייט, אז משה רבינו האט געהאט צען נעמען. וואס דער פאטער האט אים גערופן, און ווי די מוטער האט אים גערופן, וואס די שוועסטער האט אים גערופן, ווי אזוי דער אייבערשטער האט אים גערופן. און דער אייבערשטער האט בוחר געווען דעם נאמען פון משה. אין די גאנצע תורה ווערט נישט דערמאנט קיין אנדערע נאמען אויף משה רבינו, אלעמאל האט אים דער אייבערשטער גערופן משה. סתם לערנט מען, אלץ א הכרת הטוב פאר בת פרעה. איז דאך טייטש, אז דער אייבערשטער האט אויך מסכים געווען אז דער שם פון משה איז, כי מן המים משיתיהו. וואס ליגט אין דעם אז דער אייבערשטער האט גערופן משה רבינו מיט דעם נאמען, מען האט דיך ארויסגעצויגן פון וואסער.

**עס** איז דא א פסוק אין נ"ך (מלאכי ג-כב), זכרו תורת משה עבדי, מען זאל געדענקען די תורה פון מיין קנעכט משה. עס איז די תורה פון משה? עס איז די תורה פונעם אייבערשטען! משה רבינו איז נישט געווען מער ווי א שליח וואס האט איבערגעגעבן פאר אונז די תורה. זכרו תורת ה', געדענקט די תורה פונעם אייבערשטען, וואס עס איז געגעבן דורך משה, על ידי משה. אבער פארוואס רופט ער עס אן זכרו תורת משה עבדי, געדענקט די תורה פון משה.

**עס** קען זיין א נקודה דערין. אין די גמרא (סוטה יב:) שטייט, אז די בת פרעה איז זיך געגאנגען רוחץ זיין על היאור, זי איז געגאנגען זיך רוחץ זיין פון די גילולי עבודה זרה פונעם פאטער. זי האט תשובה געטון. דער פאטער איז געווען פרעה, און מען דארף נישט אראפלייגן וואס די טומאה פון פרעה איז געווען. זי איז געווען א טאכטער פון פרעה, דאס מיינט אז זי איז געבוירען געווארן אין די העכסטע מאס טומאה. און זי האט געזעהן דאס יודישע פאלק אין מצרים, ווי אזוי זיי זענען בשפלות, וואס עס איז נישט דא נאך אזא שפלות ווי יודען זענען געווען אין מצרים, ועבדום ועינו אותם ארבע מאות שנה, ווי די גזירה איז געווען. און זי האט זיך מתבונן געווען, עס איז נישט גוט די וועגן פון פרעה, זי האט אנגעהויבן צו לייקענען די עבודה זרה'ס פון פרעה, זי גייט ווערן א יוד, זי איז געגאנגען זיך רוחץ זיין פון די גילולי עבודה זרה. עס איז א געוואלדיגע מדריגה, אן השגה פון א בת פרעה, זאל זיך טוישן פון איין עק צו דעם אנדערן עק. עס איז מסתמא נישט געווען אזוי גרינג פאר איר איבערצולאזן די בית עבודה זרה, ווען מען לעבט אין א שטוב וואס דער גאנצער יסוד איז עבודה זרה. - און דער אייבערשטער שיקט איר אונטער, אז זי האט ארויסגענומען משה רבינו פונעם וואסער.

*

**מען** האט שוין היינט גערעדט, אז אין די גמרא איז דא צוויי דיעות אין דעם ותשלח את אמתה, צו זי האט געשיקט איר דינסט זאל עס נעמען, צו ותשלח את אמתה, זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט, [די האנט ווערט אנגערופן אמה, ווייל עס איז נישט גרויס מער ווי אן אמה], און משה רבינו איז געווען אויף יענעם זייט וואסער, און דער אייבערשטער האט משרבב געווען אמתה, ער האט אויסגעשטרעקט איר ארעם, און מיט איר הענט האט זי גענומען דעם קעסטל, און זי האט עס ארויפגעברענגט. עס איז דא א דיעה אין די גמרא (מגילה טו:), אז מען האט עס משרבב געווען זעכציג אמות! זעכציג מאל אזוי לאנג איז געווארן איר האנט, ביז זי איז אנגעקומען צו משה רבינו.

**וואס** דאס לערנט אונז כמה נקודות. די בת פרעה האט געהאט א גוטע מינוט, זי לאזט אלעס איבער. איך בין ערצויגן געווארן אין עבודה זרה, איך לעב מיט עבודה זרה, אבער איך דארף נישט מער די עבודה זרה. איך וויל פירן א ערליך לעבן, איך וויל זיך פירן אזוי ווי יודען פירן זיך, און איך גיי מיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען. ווען זי האט גענומען אויף זיך, אז זי גייט זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען, האט איר דער אייבערשטער צוגעשיקט די גרעסטע מצוה וואס איז געווען שייך יענע צייט צו טון, מציל צו זיין דעם מושיען של ישראל! מציל צו זיין משה רבינו וואס ליגט אין וואסער, און עס איז דא א גזירה מען זאל אים הרג'נען, כל הבן הילוד היאורה תשליכהו. האט דער אייבערשטער צוגעשיקט, אז זי איז געווארן דער מושיען של ישראל, זי האט מציל געווען משה רבינו.

**ווען א יוד האט א גוטע מינוט, און ער וויל גיין אויפן ריכטיגן וועג, און ער ווערט נתעורר איבערצולאזן אלעס וואס איז געווען ביז יעצט, האט ער א סייעתא דשמיא פונעם אייבערשטען, אז מען גיט אים אזא געוואלדיגע קדושה, מען גיט אים איבער אזעלכע אוצרות, אז ער קען זוכה זיין צו די העכסטע מדריגה וואס איז שייך דעמאלטס, זוכה זיין צו אזא סארט מצוה פון מציל צו זיין משה רבינו, וואס משה רבינו איז געווען דער נותן התורה, און אלעס וואס מיר האבן, איז דאך פון משה רבינו.** אז דו גייסט אוועק פון עבודה זרה, דו ווילסט זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען, זאלסטו וויסן אז עס איז אלעס אפען פאר דיר, דו קענסט זוכה זיין צו גאר הויכע מדריגות.

*

**און** ווי מען האט שוין גערעדט, זי שטרעקט אויס איר האנט צו נעמען משה רבינו. ווי אזוי קען זי אנקומען צו משה רבינו? עס איז געשעהן א נס! און די בת פרעה קוקט עס צו, איך בין געגאנגען לרחוץ על היאור, איך האב זיך געוואלט מקרב זיין צום אייבערשטען, איך גיי אוועק פון עבודה זרה, דער אייבערשטער מאכט מיר ניסים, ער האט גענומען מיין האנט און אויסגעשטרעקט איך זאל קענען נעמען די תיבה וואס ליגט על הסוף, עס האט געגעבן א געוואלדיגן חיזוק פאר די בת פרעה, קוק וואס איז געשעהן, פון איין מינוט אויפן צווייטן, איך האב זיך געוואלט פירן ערליך, איך וויל מקבל זיין אויף מיר עול המצוות, און דער אייבערשטער האט מיר געמאכט א נס, איך האב מציל געווען א קינד, ותראהו, און זי האט געזעהן וואס פאר א קינד דאס איז געווען. און דער באשעפער האט מיר געמאכט א נס, אויסגעשטרעקט מיין האנט איך זאל עס קענען נעמען, איז דאס געווען א געוואלדיגער חיזוק אז זי זאל זיך קענען האלטן, און זי זאל נישט צוריקפאלן פון דעם וואס עס איז געווען. עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ג קסז:) אז בתיה בת פרעה האט א עקסטערן היכל אויבן אין הימל, ווייל זי האט מציל געווען משה רבינו. דאס איז טייטש, אז זי איז נישט חזרה לסורה שפעטער, זי האט זיך געהאלטן מיט די קדושה וואס זי האט גענומען אויף זיך. ווען א יוד איז מקבל אויף זיך צו גיין אויפן ריכטיגן וועג, באקומט ער געוואלדיגע התחזקות ער זאל קענען אנקומען דערצו.

*

**עס** שטייט אין די גמרא (יומא לט.), סיי אויף טומאה און להבדיל אויף קדושה, זה לעומת זה עשה אלקים. ווען איינער קומט זיך מטמא זיין, אדם מטמא עצמו מעט, מטמאין אותו הרבה, טוט מען אים מטמא זיין אסאך. ווען א מענטש לאזט זיך אריין אין טומאה, אפילו א קלייניגקייט, דו האסט געעפנט דעם וועג, דו ווילסט גיין אין טומאה, איז מען אים מטמא הרבה. בעולם הזה, מטמאין אותו לעולם הבא. ווען א מענטש איז זיך מטמא דא אונטען, דו וועסט נישט בלייבן ביי דעם, מען וועט דיר מטמא זיין אויך למעלה.

**די** גמרא ברענגט עס פון א פסוק (ויקרא יא-מג), אל תטמאו בהם, טאמער דו ווערסט זיך מטמא זיין, ונטמתם בם, זאלסטו וויסן דו ווערסט ארייגפאלן אין טומאה נאך מער. און נישט נאר ונטמתם, מען ווערט טמא ווערן, נאר ונטמטם בם, טומאה נעמט אוועק דעם הארץ פונעם מענטש, דעם קאפ פונעם מענטש, ער באקומט א פארשטאפטן קאפ, א פארשטאפטן הארץ, עס ציט אים מער נישט צו עבודת ה', עס ציט אים מער נישט צו קדושה, עס ציט אים נישט דאס דאווענען, עס ציט אים נישט קיין מצוה, ער איז טמא, און ער האט באקומען א טומטום אינעם הארץ און אין דעם מח.

**ביי** קדושה איז אויך די זעלבע. ווען א מענטש איז זיך מקדש מעט, מקדשין אותו הרבה, באקומט ער א סיוע, מען איז אים מקדש אסאך. א מענטש איז זיך מקדש מלמטה, מקדשין אותו מלמעלה, טוט מען אים מקדש זיין פון אויבן. והתקדשתם, אז דו ווערסט זיך מקדש זיין, והייתם קדושים (שם יא-מד), והייתם איז א לשון קיום, מען וועט דיר געבן א קדושה פון אויבן.

**וואס** מיינט עס אז אויב מען איז זיך מקדש אביסל, איז מען אים מקדש אסאך. יעדע דבר טוב וואס א יוד טוט, שטייט אין די משנה (אבות ד-יא), אז ער איז קונה לו פרקליט אחד. יעדע עבירה וואס מען טוט, קונה לו קטיגור אחד. עס שטייט אין הייליגע ספרים, פון יעדע זאך וואס א יוד טוט, ווערט באשאפן א מלאך אויבן אין הימל. טוט מען א דבר טוב, ווערט באשאפן דערפון א מלאך אויף גוטס. טוט מען א זאך וואס מען דארף נישט צו טון, ווערט באשאפן דערפון א קליפה, א מלאך רע וואס איז א קטיגור אויפן מענטש. דער מלאך טוט שפעטער צוהעלפן פאר דעם מענטש וואס האט אים באשאפן. האט ער באשאפן א מלאך טוב, ער האט באשאפן א מלאך פון א מצוה, שטייט אים דער מלאך צו הילף ער זאל קענען גיין ווייטער און ווייטער. אויב דו האסט זיך מקדש געווען, איז באשאפן געווארן דערפון א מלאך, וואס דער מלאך וועט דיר צוהעלפן אז דו זאלסט קענען שטייגן ווייטער. ביי טומאה, דער מלאך ווערט באשאפן פון א דבר טמא וואס דער מענטש האט געטון, און דער מלאך שטייט אויף דער זייט, און ער טוט אים שפעטער צוברענגען, אז ער זאל פאלן נאך טיפער פון וואס ער איז געווען. אדם מקדש עצמו מלמטה, ווען א מענטש איז זיך מקדש פון אונטן, מקדשין אותו מלמעלה, באקומט ער א מלאך אויבן אין הימל, וואס ער טוט אים צוהעלפן. בא לטהר מסייעין אותו (שבת קד.), דאס איז דער מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון זיין בא לטהר, און דער מלאך איז אים מסייע. - פון הייליגע צדיקים שטייט, המתחיל במצוה אומרים לו גמור (ירושלמי פסחים י-ה), ווער איז דער אומרים לו, ווער זאגט אים? דער מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון זיין המתחיל במצוה, דער שטייט אויף אים. אזוי ווי אויף יעדע גראז איז דא א מלאך וואס שלאגט אים, ער זאל וואקסן העכער און העכער (ב"ר י-ו), אזוי האט א מענטש א מלאך פון יעדן דבר טוב וואס ער טוט.

**חז"ל** זאגן (קידושין מ.), מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה, א גוטע מחשבה איז דער אייבערשטער מצרף למעשה. געוועגליך טייטשט מען, א מענטש האט א גוטע מחשבה, און ער האט עס נישט געקענט אויספירן, טוט עס דער אייבערשטער רעכענען פאר א מעשה. עס שטייט נישט אין די גמרא, הקב"ה 'מחשבה' למעשה, די מחשבה טובה טוט דער אייבערשטער באטראכטן ווי דו האסט עס געטון, נאר הקב"ה מצרפה למעשה. דו דארפסט טון, האסט א מחשבה טובה, דו האסט זיך פארגענומען אז דו גייסט טון די און די דבר טוב, ווען עס קומט אבער למעשה איז דאך זייער שווער אז מען זאל עס טון, נישט אייביג קען א מענטש מוציא זיין, זיין כח אל הפועל. אבער דער אייבערשטער נעמט דעם מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון דיין מחשבה טובה, און ער טוט אים צולייגן צו דיין מעשה, יא ווען די גייסט טון די זאך, זאלסטו וויסן אז דער מלאך פון די מחשבה טובה גייט דיר צו העלפן אז דו זאלסט קענען אויספירן וואס דו האסט געוואלט. אפילו עס וועט דיר אנקומען שווער, זאלסטו וויסן אז דו האסט א סיוע. מחשבה טובה, דער מענטש האט נאר די מחשבה צו טון א גוטע זאך, הקב"ה מצרפה למעשה, דער אייבערשטער טוט עס מצרף זיין למעשה.

**און** אז די סיוע איז א סיוע פונעם הימל, איז דאס א געטליכער סיוע. דאס איז אסאך מער פון א סיוע וואס א מענטש קען באקומען אויף די וועלט. ווען איינער דארף האבן הילף מען זאל אים ארויסהעלפן, צו איז דאס אין עבודת ה', צו אין עפעס אנדערש, איז דאך דא מדריגות, עס גייט צוביסלעך, אין עבודת

ה' קען מען נישט שפרינגען. אויף א לייטער גייט מען איין שטיג, צוויי שטיגן, מען קען נישט ארויפגיין הויך, ווילאנג מען איז נישט אדורכגעגאנגען די אונטערשטע דרגות. אבער ווען א מענטש איז זיך מקדש, ווען א מענטש וויל זיך הייליגן, ער וויל זיך פירן ערליך, מקדשין אותו מלמעלה, באקומט ער א קדושה פון אויבן. דער מקדשין מלמעלה האט נישט קיין דרגות, דאס קומט אויף אמאל, עס קען קומען א געוואלדיגער אור אויף א מענטש, און ער טוישט זיך אינגאנצען פון וואס ער איז געווען. די גוטע מינוט וואס ער האט, אז ער איז זיך מקדש מלמטה, ער איז זיך מקדש דא אונטען, מקדשין אותו מלמעלה, טוט מען אים מקדש זיין פון אויבן. און אז עס קומט א קדושה פון אויבן, איז עס אן הגבלות, עס האט נישט קיין שיעור.

**די** משנה (אבות ו-א) זאגט, ווען א יוד לערנט תורה לשמה, איז ער זוכה לדברים הרבה. מגלין לו רזי תורה, ונעשה כמעיין המתגבר, וכנהר שאינו פוסק. אז מען לערנט תורה ערליך, באקומט מען גילויים אין תורה, מען באקומט גילויים אין עבודת ה', וואס איז שלא כדרך הטבע. מגלין לו רזי תורה, מען זאל קענען פארשטיין רזי תורה, מען זאל ווערן כמעיין המתגבר, און כנהר שאינו פוסק. ווייל אז עס איז געטליכע זאכן, עס איז א זאך וואס איז מקדש מלמעלה, האט עס נישט קיין שיעור.

**די** בת פרעה וואס זי האט גענומען אויף זיך, איך גיי איבערלאזן מיין עבודה זרה, האט מען איר געוויזן, אז תיכף ווען דו לאזט איבער דיין עבודה זרה, דו ביסט זיך מקדש מעט, מקדשין אותו מלמעלה, האט מען איר גראד צוגעשיקט א נס! אויסשטרעקן די האנט, און עס זאל אנקומען אויף יענעם עק, וואס עס איז נישט שייך בדרך הטבע אז עס זאל קענען אנקומען, פון דעסטוועגן דאך האט זי זוכה געווען דערצו. ווייל אז דו לאזט איבער עבודה זרה, גיט דיר דער אייבערשטער אזא חשובע מצוה אין דער האנט, אז דו ביסט זוכה מציל צו זיין משה רבינו. און דו באקומסט א כח מן השמים שלא כדרך הטבע, אז דו זאלסט קענען צוקומען דערצו. - עס איז א געוואלדיגער חיזוק וואס יעדער יוד דארף נעמען פון דעם, אז ווען א מענטש נעמט אויף זיך צו גיין אויפן ריכטיגן וועג, באקומט ער א סיוע פונעם אייבערשטען, אז ער זאל קענען שטייגן.

**פארקערט** איז אויך די זעלבע. ביי טומאה איז אויך די זעלבע. אדם מטמא עצמו מעט, מטמאין אותו הרבה. איך וויל נישט אריינגיין אין שלילות, איך וויל נאר אריינגיין אינעם חלק פון עשה טוב. **נעמען אויף זיך, מקדש זיין זיך, איך גיי שטייגן, זאל מען וויסן, אז מען האט א געוואלדיגע סיוע. א מענטש שעצט זיך נישט גענוג, ער טראכט ביי זיך, איך קען ענדיגן א מסכתא? איך קען זיצן און לערנען שעות רצופות? איך קען זיצן און דאווענען בכוונה וכדומה? איך קען מיר אויסארבעטן מיינע מידות? יעדער ווייסט דאך נגעי לבבו. הייב אן! טו! אז דו וועסט טון, וועסטו זעהן אז מקדשין אותו הרבה, עס וועט קומען א געוואלדיגע סיוע.** בת פרעה האט זיך אויך נישט גע'חלומ'ט וואס עס וועט איר אונטערקומען אונטער די האנט נאכדעם, אבער ווען א מענטש נעמט אויף זיך א דבר טוב, און ער האלט זיך דערצו, האט ער סייעתא דשמיא ער זאל קענען מיט דעם שטייגן.

*

**און** עס גייט נאך מער. זי שטרעקט אויס איר האנט כדי צו נעמען דאס קינד. וואס שטרעקסטו אויס דיין האנט? א מענטש וויל נעמען א זאך וואס ליגט ביי יענעם עק שטוב, וועט ער גיין אויסשטרעקן די האנט עס צו נעמען? עס וועט אים ניטאמאל איינפאלן אויסצושטרעקן די האנט, ווען ער ווייסט אז עס קען נישט אהין צוקומען. אבער אין עבודת ה', ווען א יוד וויל זיין דבוק צום אייבערשטען, הייבט ער אויף די הענט צום אייבערשטען, נשא לבבנו אל כפים אל א-ל בשמים (איכה ג-מא). דו הייבסט אויף די הענט צום אייבערשטען, דו דאווענסט אזוי. דו רירסט צו צום אייבערשטען? דו קענסט אנקומען צום באשעפער? אבער אז ער האט א תשוקה, אז עס ברענט אים, טוט ער וואס ער קען! יא, איך הייב אויף די הענט וויפיל איך קען, וואס עס גייט נישט גייט נישט.

**בת** פרעה האט גענומען אויף זיך, איך וויל נעמען דאס קינד. איך קען נישט, איך גיי טון וואס איך קען יא. און דער אייבערשטער האט איר געוויזן, אז דו נעמסט אויף דיר וואס דו קענסט, וועסטו זוכה זיין אז אפילו וואס דו קענסט נישט, וועסטו אויך צוקומען. אז דו וועסט אויסשטרעקן דיין האנט צו נעמען דאס קינד, וועסטו זוכה זיין דערצו. דער אייבערשטער האט איר געוויזן א נס שלא כדרך

הטבע, ווייל ביי יעדע דבר טוב איז אזוי. **נעם אויף דיר א קלייניגקייט, נעם אויף דיר צו טון א דבר טוב, זאג נישט אז דו קענסט נישט. די ביסל וואס דו קענסט, קענסטו דאך יא! דו קענסט נישט לערנען א גאנצע טאג שעות רצופות, אבער איין שעה, צוויי שעה קענסט דאך. דו קענסט נישט מכוין זיין די גאנצע דאווענען, אבער דריי ברכות פון שמונה עשרה קענסטו יא מכוין זיין. הייב אן צו טון וואס דו קענסט. און אז דו קענסט נישט גיין ווייטער, וועסטו זעהן אז דער אייבערשטער וועט דיר העלפן, און דו וועסט נאכדעם צוקומען צו זאכן וואס דו קענסט נישט.** ווייל די קדושה וואס קומט שפעטער, קומט פון אויבן. ביי דעם מלאך וואס טוט צוהעלפן איז נישט דא קיין הגבלות. דער מלאך קען ארויפברענגען דעם מענטש אויף א העכערע מדריגה וואס ער קען נישט צוקומען בדרך הטבע.

**די** בת פרעה האט געזעהן וואס דא האט פאסירט, אז זי גייט זיך רוחץ זיין פון גלולי עבודה זרה, און דער אייבערשטער שיקט איר אונטער אזא מצוה, זי האט ארויסגענומען דעם גואל ישראל. עס איז איר אונטערגעקומען אין די הענט, אז זי האט אים ארויסגענומען. און ווי אזוי האט עס פאסירט, דורך א נס, איך שטרעק אויס מיין האנט, און עס איז מיר איינגעפאלן אויסצושטרעקן די האנט. און אז איך האב יא אויסגעשטרעקט די האנט, טוט דער אייבערשטער מאכן א נס איך האב עס געקענט נעמען. האט זי פון דעם אפגעלערנט, אז דער אייבערשטער האט איר געוואלט ווייזן, אז א מענטש דארף טון וואס ער קען, און אז דו וועסט טון וואס דו קענסט, וועסטו זוכה זיין שפעטער צו געוואלדיגע גילויים פונעם הימל.

**זי** האט ארויסגענומען דאס קינד משה רבינו, און זי האט געוואלט געדענקן כל ימי חייה וואס עס האט פאסירט מיט איר, זי וועט דאך אוועקגיין פון דעם יאור, און זי וועט שפעטער האבן אסאך נסיונות אין איר לעבן זי זאל זיך קענען האלטן, אז זי זאל זיך קענען רוחץ זיין פון די גלולי עבודה זרה. ווי אזוי וועט זי זיך האלטן? אז זי וועט שטענדיג געדענקן דעם ערשטן בילד וואס זי האט געהאט, אז בשעת זי האט גענומען אויף זיך אז זי גייט זיך פירן ערליך, האט איר דער אייבערשטער אונטערגעשיקט א געוואלדיגע מצוה, אז זי האט מציל געווען דעם מושיען של ישראל. דער אייבערשטער האט איר געטון א נס שלא כדרך הטבע אז זי האט געקענט צוקומען דערצו, זי גייט דאס געדענקן שטענדיג, ווייל דאס וועט איר העלפן איר גאנץ לעבן, זי זאל זיך קענען האלטן ערליך.

**ווי** אזוי קען איך מאכן א זאך אז איך זאל עס געדענקן שטענדיג? איך נעם אהיים דאס קליינע קינד, איך גיי אים א נאמען געבן משה, כי מן המים משיתיהו, איך האב אים ארויסגעצויגן פונעם וואסער. איך האב אים ארויסגעצויגן פונעם וואסער? ער איז דאך געווען אויף יענעם עק, ווי אזוי האב איך אים געקענט ארויסציען? נאר איך האב אים געוואלט ארויסציען, און איך האב אויסגעשטרעקט מיין האנט, האט מיר דער אייבערשטער געהאלפן. דאס וואס זי האט אים א נאמען געגעבן משה, איז פאר איר געווען א דערמאנונג, אז ווען זי וועט זיין אין שטוב, און זי וועט רופן דאס קליינע קינד משה, משה, ברענג מיר, טראג מיר, ווען זי וועט רעדן פון דעם קינד וועט זי זיך אלץ דערמאנען כי מן המים משיתיהו, אז איך האב אים ארויסגעצויגן פונעם וואסער, און וואס דער אייבערשטער האט איר געוויזן דעמאלטס ווי אזוי עס איז געווען דער מן המים משיתיהו, דאס וועט איר געבן די כוחות הנפש אז זי זאל קענען ווייטער אזוי אנהאלטן.

**און** די נקודה האט דער אייבערשטער געוואלט אז עס זאל בלייבן ביי יודען אויף שטענדיג. האט דער אייבערשטער, פון אלע נעמען וואס מען האט גערופן משה רבינו, האט דער אייבערשטער געלאזט משה רבינו מיט דעם נאמען כי מן המים משיתיהו. משה רבינו דארף זיין דער נותן התורה, ער דארף אונז געבן די תורה, אונז זאל מיר קענען האלטן די תורה, אונז זאל מיר נישט געבראכן ווערן פון די כוחות הגוף, פונעם יצר הרע וואס שלעפט אונז אוועק פון תורה, האט דער אייבערשטער א נאמען געגעבן פאר דעם נותן התורה, משה, כי מן המים משיתיהו, מען זאל געדענקן שטענדיג פון דעם משה רבינו, אז ווען א יוד שטרעקט אויס די האנט, איך טו וואס איך קען. אפילו איך ווייס איך וועל נישט אנקומען, אבער איך טו וואס איך קען, איז דא א סייעתא דשמיא וואס דער אייבערשטער העלפט אים, אז ער קען שפעטער צוקומען דערצו.

**זאגט** מען, זכרו תורת 'משה', מען זאל געדענקען דאס וואס 'משה' לערנט אונז. דאס גייט נישט ארויף אויף די תורה הק', די תורה איז תורת ה'. אבער דער נאמען 'משה', וואס משה רבינו הייסט מן המים משיתיהו. 'זכרו', דו זאלסט געדענקען, 'תורת משה', די תורה וואס די ווארט 'משה' לערנט אונז, כי מן המים משיתיהו, אדם מקדש עצמו מעט, מקדשין אותו הרבה. מלמטה, מקדשין אותו מלמעלה. נעמען אויף זיך עול תורה, וואס פארא דבר טוב עס איז שייך צו נעמען אויף זיך. דו הייבסט אן, און דו שפירסט דו קענסט נישט קיין סאך, נעם ווייניג, נעם וויפיל דו קענסט, אבער וואס דו נעמסט, זאלסטו נעמען מיטן גאנצן הארץ. פתחו לי פתח כחדו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם, אפילו דו קענסט נישט טון מער ווי א קליינעם פתח, דו קענסט נישט טון מער ווי א קלייניגקייט, אבער אויב דו וועסט טון דיין קלייניגקייט, וועט זיך דיר עפענען שפעטער, מקדשין אותו מלמעלה. און די קדושה וואס עס קומט מלמעלה, דאס איז אן קיין הגבלות, אן קיין דרגות פון עולם הזה, מען קען זוכה זיין צו געוואלדיגע מדריגות.

**און מען זעהט, כלל ישראל איז דאך רייך מיט היסטאריע פון גדולי ישראל, וואס גדולי ישראל זענען אויסגעוואקסן. אלע זענען געווען אזעלכע בחורים ווי ענק, אלע האבן מיטגעמאכט די זעלבע פראבלעמען וואס אונז האב מיר, און פון דעסטוועגן דאך האבן זיי גענומען אויף זיך צו דינען דעם אייבערשטען, און זיי זענען אויסגעוואקסן אזעלכע גדולי ישראל. גדולים אין תורה, גדולים אין עבודת ה', גדולים אין קדושה, העכער פון אונזער השגה. ווייל ווען מען טוט א זאך ערליך פארן אייבערשטען, איז דא א סיוע וואס קומט פון אויבן, און דאס קומט שלא כדרך הטבע.** עס דארף נאר זיין א קבלה באמת, אזוי ווי בת פרעה, פארנעמען מיט א אמת, אוועקצווארפן פון די אלע עבודה זרה'ס, פון די פרעמדע עבודות וואס דער מענטש האט, און זיך אוועקגעבן פאר עבודת ה' צו דינען דעם אייבערשטען, דעמאלטס איז מען זוכה צו די מדריגות אזוי ווי עס איז געווען ביי די בת פרעה.

*

**די** בת פרעה האט געזאגט, כי מן המים משיתיהו איך האב אים ארויסגעצויגן פון וואסער. ביי די וואסער געפינט מען אויך א ענליכען ענין. ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, איז געווען ורוח אלקים מרחפת על פני המים. און דער אייבערשטער האט געהייסן יקוו המים אל מקום אחד, די וואסערן זאלן גיין אויף איין פלאץ, ותראה היבשה, עס זאל ווערן די ערד. און דער אייבערשטער האט אפגעטיילט בין המים עליונים און די מים התחתונים, די רקיע איז מבדיל בין מים למים, א טייל פונעם וואסער איז געבליבן אויבן אין הימל, און א טייל פונעם וואסער איז געבליבן דא אויף די וועלט, אזוי האט דער אייבערשטער אויסגעשטעלט די וועלט (בראשית א-ז). רש"י (ויקרא ב-יג) ברענגט צו דעם מדרש (ב"ר ה-ד), אז די וואסער וואס איז געבליבן אויף די וועלט, האט אנגעהויבן צו וויינען, אנן בעינן למיהוי קמי מלכא, איך וויל זיין נאנט צום אייבערשטען. איך בין די זעלבע וואסער ווי די אנדערע וואסער, יענער איז געבליבן אויבן, מיך האט מען אראפגעלאזט דא אין אזא נידריגע וועלט, אין א ארץ פון א חומר. זיי האבן געוויינט, אז ווילן זיין אויבן אין הימל.

**איך** וועל עס מער מסביר זיין. פארוואס האט די וואסער געוויינט, פארוואס האט נישט געוויינט די גאנצע בריאה, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט. יעדער וואלט געדארפט צו וויינען, אז זיי ווילן זיין אויבן. אז מען קען זיין דא אונטען, און מען קען זיין אויבן, אנן בעינן למיהוי קמי מלכא, זיי ווילן זיין נאנט צום אייבערשטען.

**נאר** די וועלט וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, האט דאך נישט עקזיסטירט פאר דעם, ביז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט דא אונטען. זיי דארפן דאנקען דעם אייבערשטען אויף וואס דער באשעפער גיט זיי יא. דער באשעפער האט דיך געמאכט פאר א בריאה אויף די וועלט, דער באשעפער האט א רעכט, ער האט דיך באשאפן, ער קען דיך לייגן דא, און ער קען דיך לייגן דארטן. זיי האבן קיינמאל נישט געוויסט וואס דאס מיינט צו זיין אויבן, זיי זענען דאך גראד באשאפן געווארן אין א גשמיות'דיגע וועלט. אבער דער וואסער וואס האט זוכה געווען טועם צו זיין דעם ורוח אלקים מרחפת על פני המים, זיי האבן טועם געווען וואס דאס מיינט למיהוי קמי מלכא, וואס פאר א געוואלדיגער תענוג דאס איז, אז מען איז

זוכה צו זיין נאנט צום אייבערשטען, זיי האבן שוין געשפירט דעם טעם וואס דאס מיינט ווען עס איז רוח אלקים מרחפת על פני המים, אז מען האט יעצט געגומען א חלק פון די וואסער פונעם רוח אלקים מרחפת על פני המים, און מען האט זיי אראפגעלייגט דא אונטען, האבן זיי געוויינט, אנן בעינן למיהוי קמי מלכא, אונז האב מיר שוין טועם געווען וואס דאס מיינט ערליכקייט, וואס דאס מיינט נאנטקייט צום אייבערשטען, אונז וויל מיר זיין אויבן נאנט צום אייבערשטען.

**איז** געווארן א פראבלעם וואס מען טוט מיט זיי. האט דער אייבערשטער זיי געטרייסט אז מען גייט פון ענק טון מצוות. ווען מען וועט ברענגען א קרבן, וועט מען דארפן האבן זאלץ, על כל קרבנך תקריב מלח (ויקרא ב-יג), וועט מען נעמען פון די וואסער, און מען וועט זיי ארויפלייגן אויפן קרבן. עס וועט קומען אין בית המקדש ניסוך המים, וועט מען נעמען פון ענק וואסער, און מען וועט עס גיסן אויפן מזבח. האבן זיי זיך בארוהיגט.

**מען** האט שוין אמאל גערעדט דערפון, וואס איז די בארוהיגונג? א דריטל פון די וועלט איז וואסער, און די גאנצע וואסער זאגט אנן בעינן למיהוי קמי מלכא, איך וויל זיין אויבן. און מען זאגט פאר די וואסער, אז מען וועט נעמען פון ענק אביסל וואסער, און מען וועט גיסן ניסוך המים. איין שיסעלע וואסער האט מען געגאסן אין בית המקדש זיבן טאג אין יאר, אדער אכט טאג אין יאר לויט איין דיעה, און מיט דעם האט מען זיך בארוהיגט? על כל קרבנך תקריב מלח, וויפיל פראצענט פונעם ים ווערט מלח, און עס קומט אן אויפן מזבח? און אז עס קומט שוין יא אן אין בית המקדש, וויפיל יארן איז געשטאנען דער בית המקדש, שוין באלד צוויי טויזענט יאר איז מען אין גלות, און דאס האט מען אויך נישט, וואס האבן זיי זיך בארוהיגט?

**נאר** די משנה (אבות ד-טז) זאגט, עס איז טאקע יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה, מיר האבן נישט קיין השגה וואס דאס מיינט קורת רוח פון עולם הבא, תענוג פון יענע וועלט. אבער יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי העולם הבא, עס איז דא מער פון צו זיין קמי מלכא, עס איז דא א זאך וואס איז העכער פון זיין נאנט צום אייבערשטען, און נהנה זיין מזיו השכינה בעולם הבא. אפילו נאר איין שעה זיצן און לערנען אויף די וועלט, טון מצוות ומעשים טובים, דער שעה אחת בתשובה ומעשים טובים, דארף זיין ביי א יוד חשוב'ער מכל חיי העולם הבא. אז מען האט געזאגט פאר די וואסער, אז פון ענק גייט מען טון א מצוה, מען גייט פון ענק מקריב זיין א קרבן פארן אייבערשטען, מען וועט ברענגען מלח, עס וועט זיין ניסוך המים, עס וועט זיין פון ענק א שעה אחת מעשים טובים, האבן זיי געזאגט, איך בין מוחל דעם אנן בעינן למיהוי קמי מלכא, איך דארף נישט דאס וואסער פון אויבן. עטץ זענטס די רחמנות, און מיר זענען די גליקליכע, מיר האבן דעם יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא.

**די** נקודה דערפון איז, א מענטש בענקט זיך צו זיין קמי מלכא, דאס איז דער גאנצער תכלית, מען זאל זוכה זיין צו חיי העולם הבא, און מען זאל קענען נהנה זיין מזיו השכינה, צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהן ונהנין מזיו השכינה. אבער דאס איז שוין די צווייטע מדריגה. מיר זענען די גליקליכע, אז מיר געפונען זיך אויף די וועלט, מיט אונזערע נסיונות וואס מיר האבן. יעדע רגע וואס א יוד טוט א מצוה פארן אייבערשטען, דארף זיין אזוי חשוב ביי אים דער שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי העולם הבא. א מענטש דארף זיין גליקליך אז ער קען טון א שירות פארן אייבערשטען! במתים חפשי, דארט איז נאר א וועלט פון גמול, נהנה זיין מזיו השכינה. אבער דינען דעם אייבערשטען, דאס איז נאר שייך דא אויף די וועלט. ווי חשוב עס איז דער שעה אחת בתשובה ומעשים טובים וואס מען האט, מער מכל חיי העולם הבא. די וואסער האט זיך בארוהיגט מיט דעם וואס מען האט זיי געזאגט, אז זיי גייען טון א מצוה.

**און** טיפערס דערפון. עס איז משמע אז דער אייבערשטער האט נישט געהאט דעם חשבון פון על כל קרבנך תקריב מלח, נאר אזוי ווי די וואסער האט געהאט א תשוקה צום אייבערשטען, אנן בעינן למיהוי קמי מלכא, אויף די תשוקה וואס די וואסער האט געהאט צום אייבערשטען, האט דער אייבערשטער געדארפט עפעס באצאלן פאר די וואסער, האט דער באשעפער מחדש געווען א מצוה

אויף די וועלט, כדי צו געבן פאר די וואסער וואס זיי האבן א תשוקה. ווען א יוד האט א תשוקה צום אייבערשטען, און די תשוקה איז א אמת'דיגע תשוקה, אין הימל שטעלט מען זיך אהער פאר דעם מענטש אויף זיין תשוקה, אז ער זאל קענען צוקומען צו וואס ער וויל. דו האסט א תשוקה למיהוי קמי מלכא, איך קען נישט ארויפנעמען די וואסער אויבן, איך דארף האבן א וועלט מיט וואסער, אן וואסער איז נישט דא קיין וועלט. אבער איך גיי דיר ערזעצן דאס וואס דו האסט פארלוירן דורכדעם וואס דו טוסט דעם רצון פונעם אייבערשטען, איך וועל עס דיר באצאלן אויף אן אנדערן וועג.

*

**איך** האב געזעהן אמאל צוברענגען, אז דער פסוק (תהלים פט-י) זאגט בשוא גליו אתה תשבחם. מען זעהט, אז וואסער בשעת עס איז אינעם ים, איז אלץ דא וואלן וואס גייען ארויף און אראפ. בשוא גליו, דאס וואס די וואלן גייען ארויף און אראפ. פון וואס נעמט זיך דאס? ווייל אזוי ווי די וואסער האט א תשוקה צום אייבערשטען, און דער אייבערשטער איז דאך אויבן, איז די וואסער וויל שטענדיג ארויפגיין, ער וויל ארויפגיין צו זיין שורש, ער האט נאר נישט קיין ברירה מען דארף בלייבן דא. און ווען דער אייבערשטער זעהט ווי אזוי די וואסער האט א תשוקה ארויפצוגיין צום אייבערשטען, טוט דער אייבערשטער רומען די וואסער, א שבח פאר די וואסער, פאר דעם תענוג וואס דער אייבערשטער זעהט ווי אזוי זיי ווילן זיך דערהייבן צום באשעפער. בשוא גליו, בשעת די וואלן פון די וואסער דערהייבן זיך, אתה תשבחם, טוט זיך דער אייבערשטער רומען, דער בשוא גליו איז א שבח פארן אייבערשטען.

**איך** האב היינט אינזין געהאט ביי נשמת, ואולי פינו מלא שירה כים, ווען אונזער מויל וואלט געווען פיל מיט שירה אזוי ווי דער ים, ולשוננו רנה כהמון גליו, אונזער צינג וואלט געווען מיט רנה אזוי ווי די המון גלים וואס איז דא אינעם ים, אין אנו מספיקין להודות, קען מען נישט גענוג דאנקן דעם אייבערשטען. איך מיין אז דער פשט איז אנדערש. דאס וואס מען זעהט אז די וואלן הייבן זיך אייביג, איז נישט ווייל זיי ווילן ארויפגיין צום אייבערשטען.

מען האט דאך דיר געגעבן שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי העולם הבא, מען האט זיי דאך געגעבן דא מצוות וואס זיי קענען מקיים זיין. און מצוות אויף די וועלט, איז מער ווי חיי העולם הבא. ער זוכט נישט ארויפצוגיין אויבן אין הימל, ער איז מער צופרידן ווי די וואס זענען קמי מלכא, ער קען דא טון דעם רצון פונעם אייבערשטען. וואס דען איז דאס וואס זיי טוען זיך דערהייבן? פון די געוואלדיגע שמחה וואס זיי האבן, אז זיי זענען געבליבן דא אויף די וועלט, אז זיי קענען טון מצוות ומעשים טובים, דער באשעפער האט געגעבן א מצוה וואס עס איז נאר פאר זיי, וואס זיי זאלן קענען מקיים זיין. ווען א מענטש איז בשמחה, טאנצט ער, און ער הייבט זיך אויף. דאס וואס די גלים דערהייבן זיך, איז פון די געוואלדיגע שמחה וואס זיי האבן, אז דער באשעפער האט זיי אראפגעלייגט דא אויף די וועלט, און זיי האבן באקומען אן עקסטערע מצוה פון על כל קרבנך תקריב מלח, און זיי האבן באקומען א מצוה פון ניסוך המים. זיי זענען אזוי אויפגעלייגט פון די מצוות וואס זיי האבן באקומען, אז זיי טאנצן פאר שמחה, דאס איז דער בשוא גליו. ווען דער אייבערשטער זעהן ווי אזוי די גלים טוען זיך דערהייבן, וואס פאר א שמחה זיי האבן פון די מצוה וואס מען האט פאר זיי געגעבן, אתה תשבחם, דעמאלטס טוט זיי דער אייבערשטער משבח זיין.

**אונז** זאג מיר פארן אייבערשטען, ואילו פינו מלא שירה כים, ווען אונזער מויל וואלט געווען פול מיט שירה ווי דער ים וואס איז פול מיט שירה פארן אייבערשטען, אז דער באשעפער האט זיי אראפגעלייגט דא אויף די וועלט, און זיי זענען נישט קמי מלכא. ולשונינו רנה, אונזער צונג וואלט געווען פיל מיט לויב, כהמון גליו, אזוי ווי מען זעהט די המון גלים ווי זיי טאנצן פאר שמחה אז זיי גייען אייביג ארויף און אראפ. ווען אונז וואלט מיר געהאט די שמחה, אונז וואלט מיר געהאט די כוחות אזוי ווי דער ים און דער המון גליו, אין אנו מספיקים להודות לך ה' אלקינו, איז נישט דא גענוג ווערטער וואס א יוד דארף דאנקן דעם אייבערשטען. דער באשעפער האט דיך אראפגעשיקט אויף די וועלט, דער באשעפער האט דיך אויסגעקליבן פאר אן עבד, און ער האט דיר געגעבן, נישט צוויי מצוות ווי ער האט געגעבן פארן ים, נאר ער האט דיר געגעבן תרי"ג

מצוות התורה! רצה הקב"ה לזכות את ישראל, לפיכך הרבה להם תורה ומצוות, וואו דו דרייסט זיך, האסטו א מצוה צו טון פארן אייבערשטען. טוה די מצוה מיט א שמחה, מיט א פרייליכקייט, פריי דיך אז דו קענסט דינען דעם אייבערשטען.

**דאס** איז די נקודה וואס דער מים ברענגט ארויס. פון די מים זעהט מען, אז ווייל די מים האבן געהאט א תשוקה, אנן בעינן למיהוי קמי מלכא, האט זיי דער אייבערשטער געגעבן צוויי מצוות וואס עס ווערט זיין מיט דעם וואסער. פון דעם דארף מען זיך אראפלערנען, אז ווען א יוד האט א תשוקה צום אייבערשטען, מקדש עצמו מלמטה, איז מקדשין אותו מלמעלה, טוט מען אים מקדש זיין פון אויבן.

**דאס** וואס בת פרעה האט אויסגעשטרעקט די האנט צו נעמען דאס קינד, און דער אייבערשטער האט איר געוויזן, אז דו טוסט א קלייניגקייט, ווערסטו קענען אנקומען אסאך מער פון וויפיל מען קען אנקומען בדרך טבע. אז דו ווילסט זיך רוחץ זיין פון גלולי עבודה זרה, קוק וואס איך שיק דיר אונטער, איך שיק דיר אונטער אזא מצוה ווי מציל צו זיין משה רבינו. כי מן המים משיתיהו, די מדה האט זי זיך אראפגעלערנט פון די מים. ביי מים איז געווען אנן בעינן למיהוי קמי מלכא, ווייל די וואסער האט געהאט א תשוקה צום אייבערשטען, האט דער אייבערשטער אונטערגעשיקט פאר די וואסער און געגעבן פאר איר צוויי מצוות. איך האב אויך געהאט א תשוקה צום אייבערשטען, האט מיר דער אייבערשטער געגעבן די מצוה, איך האב געקענט ארויסציען משה רבינו פונעם וואסער. און דער באשעפער האט מיט מיר געמאכט חוץ לדרך הטבע, איך זאל קענען צוקומען דערצו, צוליב די תשוקה וואס איך האב געהאט.

**דער** מוסר השכל וואס עס ליגט אין דעם, אז ווען א יוד האט א אמת'דיגע תשוקה צום אייבערשטען, קען ער שטייגן און ער קען אויסוואקסן אויף א געוואלדיגע הויכע מדריגה. און אז מען זעהט אסאך מאל אז מען וואקסט נישט, איז א סימן אז עס פעלט אין אונזער תשוקה. עס פעלט אין אונזער טון, עס איז נישט קיין ותשלח את אמתה, דו טוסט נישט אויסשטרעקן די האנט וויפיל דו קענסט. פרוביר, שטרעק אויס די האנט, טו וואס דו קענסט טון! איך קען נישט טון קיין סאך, אבער וואס איך קען, קען איך טון. איך קען נישט לערנען גאנץ ש"ס, אבער איין מסכת קען איך קענען. איך קען נישט דאווענען אזוי ווי א צדיק דאווענט, אבער עפעס קען איך דאך דאווענען. הייב אן צו טון, ותשלח את אמתה, שטרעק אויס דיין ארעם, וועסטו זעהן אז עס ווערט פאסירן ניסים, וואו דו וועסט קענען נתעלה ווערן.

*

**משה** רבינו ווערט אנגערופן א איש אלקים (דברים לג-א), א געטליכער מענטש. ביי יעקב אבינו געפונט מען אויך, קראו הקב"ה א-ל (מגילה יח.), דער אייבערשטער האט אים גערופן א-ל. וואס מיינט עס צו זאגן אז ער איז געווען א איש אלקים, ער איז געווען א איש פון אלקים. ער איז געווען א איש, ער האט מקיים געווען אלעס וואס דער אייבערשטער הייסט. פארוואס רופט מען אים אן א איש אלקים?

**עס** איז דא א ספר **אור מלא** פונעם **קאסאנער רב זצ"ל**, ער ברענגט צו די וואך אין פרשת שמות, פון רבי משה אוסטרהיר [ער איז געווען א מחותן פונעם **עטרת צבי, רבי הערשעלע זידיטשויבער זי"ע**], אז מען האט אים געפרעגט, אז עס שטייט אין **של"ה הק'** (תולדות אדם – בית ישראל אות יז-כ) און פון **רבי חיים וויטאל זצ"ל**, אז דער גוף פונעם מענטש איז מלא שמות. די צוויי אויגן זענען צוויי יוד"ן, די נאז איז א וואו"ו, דאס איז שם הוי"ה, י' י' ו' זעקס און צוואנציג וויפיל דער שם הוי"ה. אזוי אויך אלע אברים פונעם מענטש, די הענט און די פיס, ווי אזוי עס איז אויסגעשטעלט, איז אלעס שמות. האט מען געפרעגט דעם רבי משה אוסטרהיר, א גוי האט דאך אויך אויגן, א גוי האט אויך א נאז, ער האט דעם זעלבן גוף ווי א יוד, וואס איז שייך צו זאגן ביי דעם גוי, אז ער האט אויף זיך שמות.

**האט** ער אים זייער שיין געענטפערט, האט ער געזאגט אזוי, יעדער אות אין די תורה מוז זיין מוקף גויל, עס מוז זיין ארומגענומען ליידיג פון אלע זייטן, עס זאל זיין ארומגענומען מיט פארמעט. אן אות וואס קלעבט איינס צו דאס אנדערע, עס איז נישט ארומגענומען פון אלע זייטן, איז דער אות פסול, דער ספר תורה איז פסול (שו"ע או"ח לב-ד). די אברים פון א מענטש זענען אותיות און שמות, אבער דער אות פון א שם איז נאר ווען עס האט גבולים ארום

זיך, דעמאלטס איז עס אן אות. א אות וואס איז נישט מוקף, עס איז א אפענער אות, איז עס נישט קיין אות. דער אייבערשטער האט געגעבן אויגן פאר א יוד, ווען די אויגן זענען נישט פריי צו זעהן אלעס, די אויג האט אויף זיך א חומה, ער נעמט זיך ארום, מען טאר נישט זעהן אלעס, עס איז דא א לאו אין די תורה ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, מען זאגט עס צוויי מאל יעדן טאג ביי קריאת שמע, מען טאר נישט נאכגיין און קוקן א זאך וואס מען טאר נישט. ווען א מענטש האט שמירת עינים, ער נעמט ארום זיין אויג, מיין אויג איז געמאכט געווארן צו לערנען, צו דאווענען, צו טון מצוות ומעשים טובים, מיט די אנדערע זאכן האט ער גבולים אקעגן דעם אויג, דעמאלטס איז דער אויג א אות. טאמער א אויג איז אפען, און עס זעהט אלעס וואס עס קען זעהן, איז דער אות נישט מוקף גויל, און אז עס איז נישט מוקף גויל, איז ער נישט קיין שם.

**א** גוי האט אויך אותיות, די אויגן, די נאז, אלע זיינע אברים די הענט מיט די פיס, אלעס איז אותיות, אבער עס איז נישט מוקף, ער טוט אלעס וואס ער וויל, עס איז נישט דא קיין באגרעניצונג דערויף. ווען א מענטש האט גבולים, ער האט מצרים אויף די אברים, איז דער מענטש ארומגענומען מיט שמות. און דער קאסאנער רב טייטשט מיט דעם די וואך אין די פרשה, ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה, זאגט ער שמות (בשו"א) איז שמות (בצירי). ואלה שמות בני ישראל, בני ישראל האבן שמות, אלע זייערע אברים זענען שמות. פארוואס, ווייל הבאים מצרימה, זיי האבן ארומגענומען א מיצר, מיט א מיצר ארום, איז עס א שם.

**דאס** איז געווען משה רבינו. משה רבינו איז געווען אפגעהיטן, א איש אלקים ווי דער פסוק רופט אים אן. ער איז געווען א מענטש וואס איז געווען צוזאמגעשטעלט פון שמות, זיין אויגן איז א שם, זיין נאז איז א שם, זיין מויל איז א שם, זיין הענט, זיין פיס, ער איז א איש אלקים. ביי אים איז יעדע זאך געווען מוקף גויל, וואס מען מעג טון, מעג מען, וואס מען טאר נישט, איז נישט דא קיין וועג אז מען זאל די זאך קענען טון. ער איז געווען מוקף גויל. און אז מען איז א מוקף גויל, וואס דאס איז מקדש דעם אות, איז ער געווען א איש אלקים. דער גאנצער משה רבינו, מען האט אים אנגעקוקט זיין צורה, איז אלעס געווען א שם וואס האט ארויסגעשיינט. פון די אויגן האט געשיינט דער שם, פון די נאז, פון די אויערן, פון די מויל, פון די הענט, פון די פיס, יעדער אבר איז געווען אן אלקים. הקב"ה קראו ליעקב א-ל, דער אייבערשטער האט אנגערופן יעקב, דו ביסט א מענטש פול מיט שמות, ביי דיר איז יעדער אות אויפן פלאץ, עס איז מוקף גויל. - דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו (שמות ג-יב), וזה לך האות כי אנכי שלחתיך, פארוואס האב איך דיך אויסגעקליבן, 'וזה לך האות', דו, דיין 'לך', איז אותיות. ביי משה רבינו איז יעדער אבר געווען א אות וואס איז געווען מוקף גויל.

**מיר** אלע האבן אברים וואס זענען שמות. עס ליגט אויף אונז א געוואלדיגע קדושה. בצלם אלקים ברא אותו (בראשית א-כז), מיר האבן א צלם אלקים. אבער עס איז נאר אזוי לאנג א צלם אלקים, ווילאנג עס איז מוקף גויל, ווילאנג יעדער אבר איז אפגעהיטן. א זאך וואס מען טאר נישט טון, טוט מען נישט, א זאך וואס מען דארף נישט צו זעהן, זעהט מען נישט, א זאך וואס מען טאר נישט רעדן, רעדט מען נישט, איז ער מקדש דעם אבר. און אז מען איז מקדש דעם אבר, איז עס א אות, און דעמאלטס שיינט ארויס דער צלם אלקים. מען ווייסט אז ביי צדיקים האט געלאכטן דאס פנים. וואס האט געלאכטן? די קדושה וואס זיי האבן געהאט, די אותיות וואס זענען געווען אויף יעדן אבר, דאס האט געלאכטן ווי דער שם, די שמות לייכטן. - דאס איז דער איש אלקים וואס משה רבינו איז געווען.

*

**מיר** וועלן רעדן גאנץ אפען. מיר לעבן אין א נסיון, די נסיון פון די גאנצע וועלט, ביי יודען נאך מער, און ביי בחורים נאך מער. **די טעכנאלאגיע וואס איז היינט דא, האט חרוב געמאכט די וועלט, און עס מאכט אונז חרוב. ווען מען האט נישט קיין גבולים, ווען מען האט נישט קיין גדרים וסייגים, איז עס הבא לטמא, מטמאין אותו. און נישט נאר מטמאין אותו מלמטה, נאר מטמאין אותו מלמעלה. הבא לטמא פותחין לו, ווען א מענטש רירט צו, צו די טעכנאלאגישע כלים, מען רעדט דאך פון בחורים וואס דארפן עס נישט האבן פאר געשעפטן, און דארפן עס נישט האבן פאר קיין שום זאך אויף דער וועלט, וואס ער זאל זאגן אז ער מוז עס האבן, איז**

ער הבא לטמא! ער לייגט זיך אריין בידים מטמא צו זיין! עס איז נאך קיינער נישט ארויסגעגאנגען ערליך, ווער עס האט געהאט די כלי אין די הענט. קיינער נישט!! איינער איז נאר געפאלן אביסל, און איינער איז געפאלן נאך מער, און איינער איז געפאלן נאך מער, און איינער האט שוין נישט קיין תקומה ער זאל קענען ארויסגיין דערפון. ווער עס האט נאר צוגעריירט דערצו, ווער עס האט נישט די געהעריגע שמירה, איך רעד פון מיט א פילטער, איך רעד פון זאכן וואס איז שוין אויסגעהאלטן ווי עס דארף צו זיין, מיט דעם אלעם איז דא זאכן וואס מען וואלט נישט געדארפט צו זעהן, וואס ער האט נישט געדארפט צו וויסן, און עס קילט אפ דעם מענטש. ונטמתם בם, עס קומט א טומטום הלב. ווען עס קומט צום לערנען, איז אים די קאפ נישט ביים לערנען, ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט, ער שפירט נישט קיין טעם אין א בלאט גמרא. א יוד וואלט געדארפט אויפשפרינגען ווען ער פארשטייט א שטיקל גמרא, און ער פארשטייט א טיפקייט פון א קשיא פון תוספות, און א טיפקייט פון דעם תירוץ פונעם תוספות, עס וואלט געדארפט זיין פקודי ה' ישרים משמחי לב, עס וואלט דאך געדארפט ברענגען א שמחה. פארוואס איז נישט דא די שמחת הלב? פארוואס טאנצט ער נישט און שפרינגט אז ער האט פארשטאנען א שטיקל גמרא? פארוואס ווען ער דאווענט א שמונה עשרה ווי עס דארף צו זיין, זאל ער נישט נאכדעם טאנצען און פרייען זיך, איך האב היינט געקענט דאווענען פארן אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין.

**אונזער** הארץ איז מטומטם, אונז לעב מיר אין א וועלט פון טומאה. מיר זעהן זיך אזויפיל אן. אפילו ווען מען וויל זיך היטן, קען מען זיך נישט געהעריג היטן. און כל שכן נעמען זאכן, און זיך אליין מטמא זיין בידים, מען נעמט אוועק דעם צלם אלקים וואס מען האט. דיין אויג איז נישט קיין שם מער, דיין אויג איז נישט אפגעהיטן, עס האט נישט קיין גבולים ארום און ארום. דיינע הענט האבן נישט קיין גבולים, ווייל מען קען טון וואס מען וויל. אז דיינע פיס קענען גיין וואו מען וויל, פעלט דער גבול וואס איז עס מקיף, דעם צלם אלקים וואס א יוד דארף זיך אויסארבעטן צו ווערן איש האלקים, אז ער זאל קענען זיין ארומגענומען נאר מיט שמות אויף זיך פון אלקים. אז דאס פעלט, פעלט זיין גאנצע יודישקייט.

**און עס האט נישט קיין שום הסבר פארוואס א בחור זאל דאס דארפן נעמען אין די הענט. פארוואס זאל ער נישט פון זיך אליין, אן דעם וואס מען זאל אים אויפקלערן, מאכן די גדרים, לגדור ולשמור, איך דארף עס נישט, איך וויל נישט צו רירן, איך וויל נישט פאלן, איך וויל זיין ערליך, איך וויל זיך מקדש זיין. אויב א יוד איז זיך מקדש מלמטה, איז דאך מקדשין אותו מלמעלה, איך קען דאך זייער שטארק שטייגן, פארוואס זאל איך עס מאבד זיין בידים?! פארוואס זאל איך נישט האבן קיין גדרים וסייגים ביי מיר?! איך בין נישט אינטערעסירט! איך וויל עס נישט האבן! איך וועל פאלן פון ערליכקייט ווען איך האב עס! איך דארף עס נישט האבן!**

**איך** האב געזעהן שטיין פונעם **חזון איש**. דער חזון איש האט אמאל געזאגט, אז נישט אויף די וואס מען האט געטראכט אז זיי וועלן אויסוואקסן די גדולי ישראל, זענען אויסגעוואקסן די גדולי ישראל. און נאר די וואס מען האט געטראכט זיי וועלן נישט אויסוואקסן די גדולי ישראל, די זענען אויסגעוואקסן די גדולי ישראל. דער חזון איש האט אמאל געזאגט, ווען מען לעבט מיט אסאך יארן זעהט מען דאס מציאות. נישט אויף דעם וואס מען האט געמיינט אין די ישיבה אז ער וועט אויסוואקסן, דער גוטער קאפ, ער וועט אויסוואקסן גרויס, דער איז טאקע אויסגעוואקסן דער גדול בישראל. און אויף דעם וואס מען האט געמיינט ער וועט נישט אויסוואקסן, דער איז אויסגעוואקסן. האט דער חזון איש געזאגט, **ביי מיר איז יעדער בחור וואס זיצט און לערנט, א ספק צו ער איז דער גדול ישראל פונעם קומענדיגען דור**. יעדער בחור גייט אריין אין א ספק צו זיין דער גדול בישראל, דער גדול פונעם דור.

**און** א שאד אז דער חזון איש זאגט עס, פארוואס זאגט עס נישט דער בחור אליין. **א מענטש דארף זיך אליין זאגן, איך לערן, איך פלאג זיך אויף תורה וכדומה, איך קען אויסוואקסן א גדול הדור! איך קען זוכה זיין צוצוקומען צו די העכסטע וואס דער אייבערשטער וויל פון מיר האבן!** אבער איך מוז עפעס צוטון דערצו. פון זיך דרייען מיט זאכן וואס מען טאר נישט קוקן, פון דארט וואקסט מען נישט אויס קיין גדול הדור, דער איז נישט געווען קיין ספק ביים חזון איש אז ער וועט אויסוואקסן. דער חזון איש האט געהערט פון ערליכע בחורים, פון איינעם

וואס וויל זיך אוועקגעבן פאר תורה. פארוואס זאלסטו זיך נישט אוועקגעבן פאר תורה? **יא, פלאג זיך פון צופרי ביז ביינאכט, פלאג דיך אויף לערנען, דו קענסט אויסוואקסן א גדול הדור, פארוואס זאלסטו עס מאבד זיין בידים?** זאג נישט אז דו קענסט נישט, יענער דער גוטער קאפ דער וועט אויסוואקסן, דער חזון איש געזאגט, אז מען האט געזעהן בפועל אז עס איז נישט אזוי. נישט דעם וואס מען האט געטראכט אז ער וועט אויסוואקסן, איז צוגעקומען דערצו. אויף וועם מען האט נישט געטראכט, אבער ער איז געווען ערליך, און ער האט זיך געפלאגט אויף תורה, די זענען שפעטער צוגעקומען צו זיין די מרביצי תורה. אז דו וועסט נישט אויסוואקסן דער גדול הדור, וועסטו אויסוואקסן א תלמיד חכם, דו וועסט אויסוואקסן א מרביץ תורה, דו וועסט קענען מעמיד זיין תלמידים, דאס קען יעדער צוקומען דערצו. יעצט איז די צייט. זיך מקדש זיין, פירן זיך ערליך. יעדן נסיון וואס ער האט, דו ווארפסט עס אוועק, האסטו זיך אביסל מקדש געווען, און פאר דעם מקדש עצמו מעט, איז מקדשין אותו הרבה, איז מען זוכה צו א געוואלדיגע קדושה.

**מען** איז דאך שוין בחורים אין ישיבה גדולה, מען איז שוין אדורכגעגאנגען כמעט רוב פון די בחורישע יארן, מען האלט שוין כמעט ביי ארויסצוגיין אויף די וועלט, **מען דארף זיך מאכן א חשבון, מיט וואס לעב איך אויף די וועלט? וואס איז מיין שאיפה? וואס וויל איך צוקומען ווען איך גיי ארויס פון ישיבה? - איך וויל ווערן אן ארבייטער? זיצן פון צופרי ביינאכט און ארבעטן ביי די מאשין? בויען הייזער? דאס קען מען ערווארטן פון מיר?! נישט מער?!**

**א יוד דארף האבן א שאיפה, איך וויל בלייבן אין עולם התורה, איך וויל גיין אין כולל, איך וויל לערנען וויפיל איך וועל קענען. וועל איך קענען איין יאר, איז איין יאר, איך וועל קענען לערנען פינף יאר, וועט זיין פינף יאר, איך וועל קענען לערנען צען יאר, וועל איך לערנען צען יאר. איך גיי מיך אוועקגעבן פאר תורה, כי הם חיינו ואורך ימינו. איך לעב נישט אויף די וועלט כדי נהנה זיין פון די וועלט, מיין לעבן איז נישט כדי איך זאל האבן א שיינע קאר, און איך זאל האבן א שיינע הויז, איך זאל מיר קענען קויפן א הויז וכדומה, איך האב אסאך וויכטיגערע זאכן צו קויפן. עולם הזה איז דומה לפורזדור בפני עולם הבא, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין** (אבות ד-כא), **די וועלט איז געגעבן געווארן, זיך צוצוגרייטן צו דיין עולם הבא. די הויז וועסטו נישט מיטנעמען, די קאר וועסטו אויך נישט מיטנעמען, און אלעס וואס דו פארמאגסט אין באנק וועסטו אויך נישט מיטנעמען, אלעס וועט בלייבן דא! מיט וואס וועסטו אוועקגיין פון די וועלט, נאר מיט תורה ומעשים טובים! דאס גייט זיין אויף חיי נצחיים, נישט אויף זיבעציג יאר.**

**ווען** א מענטש טראכט אריין, וויפיל גיי איך נאך לעבן אויף די וועלט, פופציג יאר, זיבעציג יאר, וויפיל א מענטש טראכט אז ער וועט אויסלעבן. אפילו דו וועסט מצליח זיין, וואס וועסטו האבן? דו וועסט האבן עולם הזה, זיבעציג יאר האסטו געהאט א גוט לעבן. וואס וועט זיין שפעטער, חיי נצחיים, וואס וועסט מיטנעמען? ווען א יוד גיט זיך אוועק פאר תורה, פאר מצוות ומעשים טובים, איך וויל דינען דעם אייבערשטען. יא, מען דארף אמאל ארויסגיין צו די ארבעט, ווייל מען דארף האבן פרנסה, אבער נישט דאס איז מיין לעבן. מיין לעבן איז, תורתו עיקר ומלאכתו עראי. וויסן אז תורה איז די חשוב׳סטע זאך וואס איך קען האבן. אפילו איך וועל נישט קענען אסאך, הייב אן, וויפיל דו וועסט קענען וועסטו קענען. אדם מקדש עצמו מעט, מקדשין אותו הרבה. עס דארף זיין ביי דיר חשוב יעדעווארט פון תורה.

**ווען** א מענטש גייט ארויס ארבעטן, און ער פלאגט זיך פון צופרי ביז ביינאכט, וואס ברענגט ער אהיים? ער פריידט זיך אז ער האט אהיימגעברענגט הונדערט דאלער, ער האט אהיימגעברענגט פינף הונדערט דאלער. וואס האסטו פון פינף הונדערט דאלער? ער האט נאך דערפון גארנישט, ער האט נאר באקומען א פעיפער, ער האט א טשעק, פון דעם האט ער נאך גארנישט. אבער ער מאכט זיך שוין חלומות, ער וועט אוועקלייגען דאס געלט ער זאל זיך קענען קויפן א הויז, ער וועט קענען גיין אויף וויקעישא״ן, און וואס נאך ער וועט אלץ קענען. און פאר דעם איז כדאי זיך צו פלאגן, דו האסט פארדינט נאך א דאלער. נאך א שעה געארבעט, נאך צען דאלער פארדינט. **פארוואס זאל א שעה תורה נישט זיין ווערד ביי דיר צען דאלער?! דו וועסט אסאך מער קענען איינקויפן מיט א שעה תורה, פון**

**וויפיל דו קויפסט איין פאר די צען דאלער וואס דו פארדינסט. א שעה תורה איז חיי נצחים.**

**דער** וואס האט ליב געלט, ווערט נישט זאט פון געלט, ער וויל נאך פארדינען נאך פארדינען. פארוואס זאל נישט זיין אוהב מצוות לא ישבע מצוות, **עס איז נישט ביי דיר ווערד איין שעה תורה?! איין יאר אין כולל איז נישט אזויפיל ווערד ביי דיר, ווי פארדינען געלט איין יאר אין די ארבעט?! אפילו דו ווייסט נישט בלייבן אין כולל שטענדיג. פארוואס זאל נישט זיין ביי דיר ווערט איין יאר וואס איך בין געווען אפגעהיטן, און געזעסן אין א אויר פון תורה, נישט געדארפט ארויסגיין אויף דער גאס, נישט געדארפט אלעס צוצוקוקן, וויפיל ווער איך אפגעהיטן ווען איך זיץ אין א אויר פון תורה. פארוואס זאל נישט זיין ביי דיר חשוב יעדע שורה גמרא וואס דו לערנסט, נאך א דאלער, נאך א דאלער פארדינט. מיט דעם דאלער קען ער טאקע נישט קויפן אויף די וועלט, אבער אויף יענע וועלט ווערסטו קענען איינקויפן דערמיט.** מיר נעמען נישט געגוג אריין אין זיך די קדושת התורה, וויפיל מיר דארפן זיך אוועקגעבן פאר תורה.

**ווען** א מענטש וויל זיך אוועקגעבן פאר תורה, איז די לימוד פון די פרשה, ותשלח את אמתה. אז דער אייבערשטער העלפט, ווען א מענטש וויל זיך אוועקגעבן פאר תורה, ער וויל טון א זאך פארן אייבערשטען, עפענט זיך אים אלע טויערן. בתיה בת פרעה, אין די נידריגסטע מקום וואו זי האט געקענט זיין, די שטוב פון פרעה, זי האט זיך אוועקגעגעבן צו טון דעם רצון ה', זיך רוחץ זיין פון גילולי עבודה זרה, האט מען איר אונטערגעשיקט די שענסטע מצוה וואס עס איז שייך צו טון. מען האט איר אונטערגעשיקט ניסים צו ווייזן בגלוי, דו שטרעקסט אויס דיין האנט אביסל, קוק ווי ווייט עס קומט אן. - זכרו תורת משה, מען דארף געדענקן וואס משה לערנט אונז. דעם כי מן המים משיתיהו, דאס דארף מיר אונז אריינגעמען אין זיך.

**מען** איז געקומען אויף א שבת, מען האט געהערט אזעלכע שיינע דברי תורה, אפילו אויף מיר האט עס אויך געלאזט א געוואלדיגן רושם, דער שבת וואס מען איז געווען אינאיינעם. די אלע וואס האבן גערעדט, יעדער איינער האט אריינגעבלאזן א שטיק חיות אין מיר, און איך שטעל מיך פאר אז אין די בחורים אויך. מען האלט ביים אהיימגיין, נעמען זיך פינף מינוט א חשבון הנפש, איך וויל אנהאלטן די קדושה וואס מען האט געהאט דעם שבת. איך וויל אז אלע מיינע שבתים זאלן אויסזעהן אזוי, איך וויל אז יעדער שבת זאל זיין ביי מיר יום שכולו שבת. נישט איך זאל האבן א פאר גוטע מינוטן וואס דעמאלטס שטיי איך העכער. לעבן מיטן שבת, לעבן מיט די קדושה פון שבת, דער גאנצער טאג פון שבת זאל ביי דיר לייכטן. ווען דו האסט א שבת'דיגן טאג וואס איז קודש לה', איז די גאנצע וואך נאכדעם אנדערש. יא, **מען דארף גיין צו ערליכע יודען שבת, מען דארף זינגען צוזאמען, און מען דארף זיצן צוזאמען, מען דארף מקבל זיין תורה, מען דארף זיצן שלש סעודות צוזאמען, וואו מען איז, אין וועלכן מקום מען איז, קען מען אייביג טרעפן א ווינקל וואו מען זאל קענען זיך דרייען. און מען דארף אויסנוצן די הייליגע שבתים.**

**עס** איז נאך דא א האלבער זמן, מען זאל צוריקגיין אין ישיבה מיט א פרישן התחדשות, מיט א פרישן חיות, און מחשיב זיין יעדע מינוט וואס מען קען לערנען. עס זאל האבן ביי דיר א חשיבות כאילו דו האסט פארדינט. **ווען מען וואלט דיר געגעבן א דאלער פאר יעדע שורה, וואלסטו עס געטון, דו וואלסט געלערענט. ווייל דו לערנסט פאר אסאך וויינעגער אויך. מען דארף וויסן אז עס איז אסאך מער פון וויפיל מען פארדינט א דאלער! עס איז נישט דא דאס געלט וואס מען קען באצאלן, דאס וואס מען קויפט זיך איין מיט תורה און מעשים טובים.**

**מען** זאל חזר'ן פאר זיך, **מיין שאיפה אויף די וועלט איז אויסצוואקסן א בן תורה!** איך ארבעט יעצט, אז ווען איך וועל דארפן ארויסגיין פון די ישיבה, זאל איך אויפשטעלן אן ערליכע שטוב, א תורה'דיגע שטוב. איך זאל האבן געגועים צו זיצן און לערנען תורה. יעדע ווארט תורה וואס איך קען לערנען זאל זיין ביי מיר חשוב. יעדע מצוה וואס איך טוה, זאל מען מחשיב זיין. דער וואסער האט מחשיב געווען, ער איז מוחל די מים עליונים וואס זענען קמי מלכא, ער האט מער פון דעם. בשוא גליו אתה תשבחם, ער טאנצט און פריידט זיך אז ער איז אויף די וועלט. איך בין נישט פון די מים עליונים וואס האבן גארנישט, איך האב מצוות ומעשים טובים. און דאס גיט אים די שמחה, עס גיט אים דעם חיות. עבדו את

ה' בשמחה בואו לפניו ברננה, תורה איז נישט קיין עול. ווען מען גייט אריין אין תורה, און מען לערנט תורה ערליך, הייבט מען אן צו שפירן, עס עפענט זיך דער קאפ מיטן הארץ פונעם מענטש, די פקודי ה' ישרים משמחי לב, מען שפירט דעם הנחמדים מזהב ומפז רב ומתוקים מדבש ונופת צופים.

**אבער** דאס נאר ווי מען האט פריער גערעדט, ווילאנג די אברים זענען מוקף גויל, ווילאנג מען פירט זיך ערליך, ווילאנג מען איז אפגעהיטן, אזוי לאנג איז דא דער חיות פון תורה. ווען עס איז ולא תטמאו בהם, ונטמטם בם, וואו עס איז דא טומאה, איז דא נאכדעם א טומטום, און ער קען זיך נישט אויפהייבן דערפון. זעהן זיך מרחק צו זיין פון די טעכנאלאגישע כלים.

**און** אז מען רעדט שוין דערפון, אפילו די כשר'ע טעלעפאונס, מען רעדט אזויפיל דערפון, טעקסט, **פארוואס דארף א בחור טעקסט?! ער ווייסט נישט אז אויף טעקסט קומט אים אן זאכן וואס ער וואלט נישט געדארפט צו האבן?! ער מוז הערן און זעהן יעדע זאך וואס דער חבר האט אויסצופאקן מוז אנקומען צו זיינע אויערן?! ער מוז קענען זעהן בילדער פון זאכן וואס ער וואלט נישט געדארפט צו זעהן?! - עטץ מיינטס מען פארגינט ענק נישט, אז מען בעט אז מען זאל נישט האבן קיין טעקסט? מען פארגינט ענק זייער א גוט לעבן! מען וויל ענק א טובה טון. עטץ זענטס קינדער, עטץ פארשטייטסט נאך נישט וואס דאס מיינט. די וואס האבן זיך אפגעבריט, און הערן פון מענטשן וואס האבן זיך אפגעבריט, די ווייסן פון וואס מען רעדט. דאס בלייבט נישט ביי דעם, דאס איז נאר א הבא לטמא פותחין לו, דאס איז נאר א סטע"פ מען זאל קענען גיין ווייטער דערפון. פארוואס פעלט עס דיר אויס? היט דיך אפ! דו ביסט ערליך, דו ביסט אין ישיבה, דו ביסט אין אויר של תורה, דו זיצט און דו לערנסט, דו ווילסט שטייגן אין תורה, מאך דיר דיינע גדרים וסייגים, איך האב מיט די זאך נישט קיין שייכות! עס באלאנגט נישט צו מיר! עס באלאנגט צו איינעם וואס איז איינדרויסן אין עולם הזה, איך בין אין א לעבן פון עולם הבא.**

**און** די גדרים וסייגים וואס מען מאכט, שטיין דערויף! שטיין דערויף מיט א פעסטקייט! דאס וויל איך טון! איך וויל זיין אן עבד פונעם אייבערשטען. און דער אייבערשטער באצאלט, מען באקומט א געוואלדיגע הארה פונעם הימל, פאר יעדן דבר טוב וואס א יוד טוט. דער אייבערשטער זאל געבן, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

כשעה אחר הבדלה נכנס רבינו שליט"א לסעודתא דדוד מלכא משיחא. אחר שזימרו זמירות למוצאי שבת נאם **הרה"ג רבי אברהם דוד הורוויץ שליט"א, והרה"ג רבי אשר מאיר סעקולא שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הגה"ק בעל ישמח ישראל מאלכסנדר זצ"ל**. אחר ברכת המזון עמדו כל הקהל בריקודים של שמחה בתופים ובמחולות.

# פרשת וארא כ"ו טבת - ג' שבט תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת וארא***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **אהרן צבי קעסטענבוים** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סטיטשין.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **יהודא קליין** הי"ו, שהתקיים באולם אונסדארף.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בת **הרה"ג רבי יואל טייטלבוים שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי חיים שלמה ראטענבערג שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מקאסאני שליט"א), שהתקיים בהיכל הכולל בבית המדרש סאטמאר (ראדני).

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הפדיון הבן של בן ש"ב הר"ר **יואל מאיר פאללאק** הי"ו (נכד גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), שהתקיים באולם בית רחל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שלום אבערלענדער** ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ד סעיף ב') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט (נדפס בגליוננו בשבוע העעל"ט).

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **חיים צבי וועכטער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יואל מרדכי בערקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם סקווירא. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום שני פרשת וארא***

בשעות אחר צהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הרב **דוד פאללאק** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א, וחתן כ"ק האדמו"ר מחוסט שליט"א), שהתקיים באולם סקווירא.

*

***יום שלישי פרשת וארא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת יארצייט של חמותו הרבנית מוואדקערט ע"ה, שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל אסיפת חינוך להורי אנ"ש, ע"י מוסדותינו הק' בוויליאמסבורג, שהתקיים באולם אימפיריעל, והשמיע מדברות קדשו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**איך** וויל קודם באגריסן די חשובע עלטערן וואס זענען זיך צוזאמגעקומען די נאכט פאר די תועלת און די חינוך פון זייערע קינדער וואס ווערן נתגדל ביי אונז אין די מוסדות. מען האט ב"ה געהערט פרטיות, און פרטי פרטיות, פון רבי ישראל מרגליות שליט"א, וואס האט ארויסגעברענגט זאכן וואס איז ידוע פאר יעדן איינעם פון אונז, און יעדער איינער ווייסט כהנה וכהנה וואס עס טוט זיך אלץ אפ. איך וויל רעדן צוויי נקודות. בכלליות, די פליכט פון עלטערן אויף מחנך זיין קינדער. און צווייטנס, די נסיונות וואס אונז האב מיר היינט אין אונזערע צייטן. און וואס אונז קען מיר טון, אונז זאל מיר נישט פארלירן אונזערע קינדער ח"ו.

**חינוך** ביי א יוד איז דער יסוד פון זיין לעבן. אונז לעב מיר צו דינען דעם אייבערשטען, און מיר זענען נישט יוצא מיט דעם וואס אונז אליין טוען מיר אונזער פליכט, דער באשעפער האט אונז געגעבן אוצרות אין אונזער הענט, אונזערע קינדער, די זון מיט די טעכטער, אונז זאל מיר זיי מגדל זיין אויפן ריכטיגען וועג. - ווען דער אייבערשטער האט גערומט אברהם אבינו (בראשית יח-יט), אז איך האב אים ליב, איז עס נישט געווען ווייל ער האט געלערנט, ווייל ער האט

געדאוועגט, אדער ווייל ער האט געטוהן חסד, נאר כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה'! איין נקודה האט דער אייבערשטער ארויסגעברענגט. אברהם אבינו לעבט נישט פאר זיך, ער קוקט זיך אום אויף זיינע קינדער. ער וויל אויפשטעלן א דור וואס זאל אויך דינען דעם אייבערשטען. ווען אונז וועל מיר נישט זיין דא, זאלן מיר איבערלאזן קינדער און דורות וואס זאלן ממשיך זיין די וועגן פון אונזערע עלטערן.

**עס** שטייט אין מדרש (ב"ר נה-ז), אז דער אייבערשטער האט צוויי מאל געזאגט פאר אברהם אבינו 'לך לך'. איינמאל האט ער אים געזאגט (בראשית יב-א) לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך. דער באשעפער האט אים געגעבן דעם נסיון, לאז איבער דיין שטוב, לאז איבער דיינע פריינט, גיי אוועק אין דער פרעמד, אויף דעם פלאץ וואו איך וועל דיך שיקן. עס איז געווען א שווערער נסיון פאר א מענטש, ביי די פינף און זיבעציג יאר איבערצולאזן אלעס ארום און ארום. און דער צווייטער נסיון איז אויך געווען מיט א 'לך לך', דער לעצטער נסיון איז געווען, ולך לך אל ארץ המוריה והעלהו שם לעולה (שם כב-ב), דו זאלסט ברענגען דיין קינד פאר א עולה. זאגט דער מדרש, איני יודע איזה מהן חביבה, איך ווייס נישט וועלכע 'לך לך' איז מער חביב פארן אייבערשטען. און דער מדרש פירט אויס, אז דער צווייטער לך לך איז מער חביב ווי דער ערשטער לך לך. דער מדרש זאגט, אז דער אייבערשטער האט געבעטן פון אברהם אבינו, זיי עומד אין דעם לעצטן נסיון וואס איך בעט דיך, ווייל טאמער דו וועסט נישט עומד זיין אין דעם נסיון, האבן נישט קיין חשיבות די אלע נסיונות וואס דו האסט עומד געווען ביז יעצט.

**עס** שטייט אין מפרשים, אז דער פשט דערפון איז. אלע נסיונות וואס אברהם אבינו איז דורכגעגאנגען ביז דעמאלטס, איז געווען א נסיון פאר אים אליין. דער באשעפער האט אים געמאסטן וואו ער האלט אין זיין צוגעבינדנקייט אינעם אייבערשטען. וואס ער איז גרייט מוותר צו זיין, און וואס ער איז נישט גרייט מוותר צו זיין. דער נסיון פון דער עקידה איז נישט געווען א נסיון פאר אברהם אבינו, ער זאל שחט'ן א קינד. דאס קינד האט אויך געדארפט מסכים זיין דערצו, יצחק איז אלט געווען זיבן און דרייסיג יאר, און ער האט אויך געדארפט מסכים זיין צו דער עקידה. אז יצחק איז נישט מסכים צו דער עקידה, איז א סימן אז עס פעלט אין דעם חינוך וואס דער טאטע האט געגעבן פארן קינד. ער האט געטון פאר זיך אז ער זאל אויסוואקסן אברהם אבינו, אבער וואס האסטו געטון פאר דיין קינד, וואו איז דאס מסירת נפש פון דיין זון. ווען אברהם אבינו באקומט דעם נסיון פון לך לך אל ארץ המוריה והעלהו שם לעולה, און יצחק שטעלט זיך צו, און ער זאגט, איך שטרעק אויס מיין האלז זיך צו שחט'ן פארן אייבערשטען. דאס האט געלערנט וואס דער טאטע איז. דאס האט געלערנט אז דו האסט זיך נישט געזארגט נאר פאר דיר אליין, נאר דו האסט זיך אויך געזארגט פאר דיינע קינדער. דער צווייטער לך לך איז מער חביב ווי דער ערשטער לך לך, ווייל דאס האט געוויזן וואס אברהם אבינו האט אריינגעלייגט אין די קינדער, אז זיי זאלן אויך האבן מסירת נפש און גיין אין דרך התורה.

**אונזערע קינדער זענען אונזער גרעסטער פארמעגן וואס מיר פארמאגן. עס איז נישט דא נאך אזא חשוב'ע פארמעגן וואס א טאטע און א מאמע האבן, ווי דאס קינד וואס זיי האבן אין שטוב. נישט געלט, נישט ביזנעס, נישט הייזער, נישט שטעט, ערזעצן די חשיבות וואס עלטערן האבן פון א קינד. עס איז נישט דא נאך אזא זאך אין דער וועלט, וואס עלטערן זאלן קענען האבן דערפון אזויפיל נוצן, ווי א קינד.** עס איז אדם אוכל פירותיהן בעולם הזה, והקרן קיימת לו לעולם הבא. אז מען האט געלט, האט מען נאכנישט קיין נחת. וויפיל מענטשן דרייען זיך ארום מיט געלט, און זיי זענען פאר'דאגה'ט, און זעהן נישט קיין גוטן טאג אינעם לעבן. אז מען האט א ערליכע שטוב, קינדער וואס וואקסן אויס תלמידי חכמים, מיידלעך וואס וואקסן אויס ערליכע יודישע מאמעס. און מען קומט זיך צוזאם א שבת, אינדערוואכן, א שמחה, וכדומה, און מען זעהט בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך, אזא תענוג איז נישט דא נאך איינס אין דער וועלט, וואס א מענטש קען צו דעם זוכה זיין. דאס איז די פירות וואס מען עסט בעולם הזה, און קינדער זענען דער קרן קיימת לו לעולם הבא. עס קומט א צייט וואס אלע אונזערע פארמעגן גייען מיר דא לאזן, מען וועט נישט מיטנעמען מיט זיך גארנישט, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות (אבות ו-ט),

אונז וועל מיר נישט מיטנעמען גארנישט פון אלעם וואס אונז האב מיר דא אויף די וועלט. איין זאך וואס מיר וועלן מיטנעמען, דאס זענען די קינדער. ווען זיי וועלן בלייבן דא אויף דער וועלט, זיי וועלן לערנען און טון מצוות און מעשים טובים, פון דעם וועלן מיר עסן לעולם הבא. עס איז נישט דא נאך אזא רכוש וואס א מענטש האט, וואס ער זאל קענען נהנה זיין לעולמי עד, ווי ערליכע קינדער.

**עס** שטייט אין **אור החיים הק'** (פ' ויגש), ווען יעקב זאל טרעפן יוסף, און ער זאל אים טרעפן נישט אזוי ערליך ווי ער האט אים אוועקגעשיקט פון דער היים, וואלט ער צופרידן געווען ער זאל אים טרעפן א טויטן, ער דארף נישט קיין קינד וואס פירט זיך נישט ערליך. אזוי זאגט ער זיין לשון, אז צדיקים קענען ענדערש באשטיין בהעדר הבן, ווי צו האבן א בן מביש. ענדערש זאל דאס קינד נישט זיין דא, ווי איידער ער זאל האבן א פארדארבן קינד. **אונז פלאג מיר זיך דאך פאר אונזערע קינדער, מען זאל זיי קענען מחנך זיין, זיי זאלן אויסוואקסן ערליך. אויב אונז מאך מיר נישט קיין גדרים וסייגים פאר די נסיונות וואס די קינדער האבן, ערציה מיר אונז א דור וואס וועט זיין א בן מביש. אונז ערציה מיר א דור וואס איז נישט מעגליך עס זאל זיך קענען האלטן ביי יודישקייט אין די היינטיגע מצבים וואו עס איז. אן די גדרים וסייגים, איז א שאד אונזער גאנצע טירחא, אונזער גאנצע פלאג וואס אונז פלאג מיר זיך פאר אונזערע קינדער, אז אונז קען מיר זיי נישט גודר זיין, זיי זאלן גיין אין דעם ריכטיגן וועג.**

**מיין** טאטע זכרונו לברכה, אין די יונגערע יארן, פלעגט כמעט יעדעס יאר ביים סדר נאכזאגן פונעם **חתן סופר**, אז דער חתן סופר האט געזאגט א טעם פארוואס מען טוט אן א קיטל ביים סדר. האט ער געזאגט, עס איז דאך א זמן וואס מען דארף פארציילן סיפור יציאת מצרים פאר די קינדער, כנגד ארבעה בנים דיברה תורה. מען זיצט פסח ביינאכט, און דארט ליגט די כוחות פון אמונה, אלעס איז דאך תלוי אין יציאת מצרים. א מענטש זאל וויסן צו שאצן די קינדער וואס ער האט, און אריינלייגן אין זיי די אמונה טהורה. ווען א מענטש שטעלט זיך פאר, אז עס קומט אמאל א צייט וואס מען גייט אוועק פון דער וועלט, און מען טוט אים אהן די ווייסע בגדים, וואס אין דעם באהאלט מען אים. דעמאלטס וועלן אים די קינדער וואס זיצן ביים טיש זייער וויכטיג זיין, דעמאלטס וועט ער נהנה זיין פון די קינדער. וויפיל כוחות דו וועסט אריינלייגן אין דיינע קינדער יעצט ווען מען זיצט ביים סדר, וועסטו נהנה זיין דערפון שפעטער. טוט מען אן א בגד של מתים, כדי צו דערמאנען, געדענק אז דו וועסט גארנישט מיטנעמען פון דער וועלט. איין זאך וועסטו מיטנעמען, די מצות און מעשים טובים וואס דיינע קינדער טוען.

*

**אונז** לעב מיר אין א דור פון נסיונות, וואס איז נישט געווען מעולם! זייט די וועלט שטייט איז נאכנישט געווען אזעלכע נסיונות! ווייל עס איז נישט געווען די מציאות, די טעכניק האט נישט געקענט צוברענגען אזעלכע נסיונות וואס מיר האבן היינט. די טעכנעלאגיע וואס איז היינט דא, די כלים וואס דורך דעם קומט א מענטש אן צו אלע עקן פון דער וועלט, ווי מען האט פריער געהערט. צו יעדן מענטש אויף דער וועלט וואס ער וויל אנקומען, קען ער אנקומען. צו יעדן גוי וואס ער וויל אנקומען, קען ער אנקומען. און צו יעדער זאך וואס איז דא אויף דער וועלט, גוטס צו נישט גוטס, טרעפט ער אלץ אין דער כלי. ער קען זיך מקשר זיין מיט סיי וועם ער וויל, אין פינף מינוט. ער האט דעם טעלעפאן אין דער האנט, און מען דריקט א פאר מאל און ער קען זיך טרעפן מיט יעדן מענטש אין דער וועלט. ער קען זיך טרעפן מיט יעדן מענטש פון דער וועלט, און די גאנצע וועלט קען זיך טרעפן מיט אים! אפילו ער וויל נישט, יענער שאפט א קשר, ער רופט איינמאל, צוויי מאל, דריי מאל, ביז עס ווערט אויפגעבויט א קשר צווישן איינעם און דעם אנדערן.

**און** כל שכן ווען מען רעדט פון יונגע קינדער, דער חורבן דערפון לאזט זיך גארנישט זאגן. **חינוך איז די פאר יאר, פון ווען א קינד ווערט אלט צען עלף צוועלף יאר, ביז די אכצן יאר, ביז די חתונה, דאס איז די קריטישסטע יארן וואס ער האט אין זיין לעבן. דאס וועט ארויפברענגען דעם קינד, אדער אויפן ריכטיגן וועג, אדער חס ושלום אויפן נישט ריכטיגן וועג. און אויב מען מאכט נישט קיין געהעריגע שמירה אויף אונזערע אוצרות, אויף אונזערע קינדער וואס מיר האבן, איז דער שאדן און דער דעמעדז"ש, א זאך וואס וועט זיין לעולם! דאס קען מען נישט פארעכטן**

**שפעטער!** א זאך וואס מען האט פארלוירן אין די יונגע יארן, און מען האט עס נישט אויסגענוצט ווי אזוי א יוד דארף דאס אויסנוצן, איז נישט שייך אז מען זאל קענען שפעטער אויפשטעלן א געהעריגע ערליכע שטוב. און טאמער אונז וועל מיר יא מאכן די ריכטיגע גדרים יעצט, דעמאלטס איז דא צו האפן אז מיר זאלן קענען זעהן נחת ביי אונזערע קינדער.

**עס** האט זיך לעצטנס איינגעריסן דאס וואס קינדער גייען ארום מיט טעלעפאנען. **נאר איינמאל דארף אנקומען צו א קינד א מעסעדזש אויף דעם טעלעפאן וואס ער האט, נאר איינמאל דארף זיך אנטשעפענען צו אים איין שוואכער מענטש, איז דאס קינד פארדארבן!** עס איז אזוי גרינג צוצוקומען היינט צו א מענטש, און עס איז אזוי גרינג קאליע צו ווערן, און אויב מען מאכט נישט קיין געהעריגע שמירה דערויף, איז זייער שווער אז מען זאל זיך קענען האלטן. און ווען מען פאלט אדורך דאס ערשטע מאל, דאס צווייטע מאל, און דאס דריטע מאל, איז שוין נישט דא וואס צו טון נאכדעם. **איך זאג נישט דא זאכן פון טעאריע, איך רעד נישט פון זאכן וואס מען האט געליינט, איך זאג זאכן פון וואס איך לעב דאס מיט, טאג נאך טאג לעב איך מיט די פראבלעמען וואס עס מאכט זיך אין יודישע שטובער. און אסאך מאל זענען עלטערן אליין שולדיג, מען איז נאיוו, מען ווייסט נישט וואס דאס מיינט פאר א קינד. וואס עס שאדט נישט פאר א טאטען, מיינט נישט אז עס שאדט נישט פאר א קינד. וואס דער טאטע קען טון, מיינט נישט אז דאס קינד קען טון. מען גיט נישט גענוג אכט, אונז טו מיר אסאך מאל בידים אריינפירן אונזערע קינדער, אז זיי זאלן האבן נסיונות.** נאר א ערליכע שטוב, די ווארימע לופט וואס איז דא אין א היים, די ווארימע שבתים וואס איז דא אין א שטוב, דאס איז מחזק אונזערע קינדער מען זאל זיך האלטן און בלייבן ערליך אויפן יודישן וועג. ווען עלטערן זענען אריינגעטון אין יראת שמים, זוכען יראת חטא, זוכען נאר ערליכקייט, מיין גאנצע שאיפה פון מיין קינד איז נישט וואסערע קליידער מען וועט גיין, און נישט וואסערע שיך מען וועט גיין, צו אנדערע זאכן וואס דאס קינד וועט האבן, נאר איך וויל זען א יודישע טאכטער, איך וויל זען אז עס זאל ארויסוואקסן א ערליכער בחור, דאס איז די גאנצע שאיפה אויף וואס ער לעבט. וואלט מען זיך אריינגעלייגט דערין מער צו זעהן אז אונז זאל מיר קענען צוקומען דערצו.

**מען** זעט די וואך אין די פרשה, משה און אהרן זענען געווען די חשובסטע פון כלל ישראל. ולא קם נביא עוד בישראל כמשה (דברים לד-י), און אהרן איז געווען שקול אזוי ווי משה (שהש"ר ד-ה). די עלטערן פון משה און אהרן זענען געווען עמרם מיט יוכבד, עמרם איז געווען דער טאטע, יוכבד איז געווען די מאמע. פארוואס האבן זיי זוכה געווען אז אין זייער שטוב זענען געבוירן געווארן אזעלכע הייליגע קינדער. אין חומש שטייט א טעם, ויהי כי יראו המילדות את האלקים, ויעש להם בתים (שמות א-כא), יוכבד איז געווען פון די מילדות העבריים, און איר טאכטער מרים איז אויך געווען פון די מילדות, און זיי האבן נישט געפאלגט וואס פרעה האט געזאגט, זיי האבן מורא געהאט פונעם אויבערשטען. האט זיי דער אייבערשטער באצאלט ויעש להם בתים, דער באשעפער האט זיי געגעבן, אז בתי כהונה ובתי לויה זענען ארויסגעקומען פון יוכבד, און חור מיט בצלאל וואס האבן אויפגעבויט דעם משכן, זענען ארויסגעקומען פון מרים. ערליכע מאמעס, ערליכע עלטערן, וואס די שטוב איז יראת אלקים כנגד פניהם, דארט קען מען אויסוואקסן ערליכע קינדער.

*

**עלטערן האבן כמעט אראפגעווארפן פון זיך די עול פונעם חינוך, און זיי געבן עס איבער פאר די מוסדות.** זייער ווייניג עלטערן טוען צוגעבן צו די חינוך פון די קינדער. איך שיק מיין קינד אין א ערליכע מוסד, מיין זון שיק איך אין א ערליכע תלמוד תורה, מיין טאכטער שיק איך אין א ערליכע מיידל שול, און דארט זאל מען זיי מחנך זיין. זיי וואלטן געוואלט אוועקשיקן דאס קינד אין די ישיבה אריין, און ביי די אכצן יאר זאל מען אים אהיימשיקן א פארטיגע בחור וואס איז אויסגעארבעט. די מיידל שולע זאל ארויסגעבן פון די היי סקול א מיידל וואס איז אויסגעארבעט מיט אלעם. זיי טוען זייערס, זיי צאלן געלט, און זיי דו מחנך אונזער קינד. מען ווארפט אראפ דעם חלק פונעם חינוך פון זיך, און מען לייגט דאס אויף די מוסדות. אבער עס איז נישט אזוי, א קינד איז נישט אין א מוסד מער ווי א דריטל פונעם טאג, צוויי דריטלעך פונעם טאג איז מען אינדערהיים, און פרייטאג און שבת. **חינוך באקומט**

**מען נישט פון די מוסד אליין, חינוך איז נאר ווען די עלטערן זענען אויף איין בלאט, אויף איין פעידז"ש, צוזאמען מיטן מוסד.** ווען מיר האבן איין ציל, אונז טו מיר דאס וואס די מוסד פארשטייט וואס עס איז גוט פאר די תועלת פון די קינדער, און עלטערן שטייען מיט דערמיט הונדערט פראצענט, איך וויל אויך דאס וואס דער מוסד וויל. זיי מיינען די טובה פונעם קינד, און אז זיי פארשטייען אז דאס איז די טובה, וויל איך מיטגיין דערמיט, און איך וויל אויך אז מיין קינד זאל זיך האלטן דערצו, דעמאלטס איז מען מצליח. אבער טאמער עלטערן האלטן נישט מיט, די סקול איז צו פרום, מען האט געמאכט תקנות, אפילו מען זאגט נאר אמאל א הלצה, וכדומה, מען דארף נישט די תקנות, עס איז נישט אזוי וויכטיג וכדומה, האט ער נישט נאר נישט געגעבן א חינוך פארן קינד, נאר ער האט אויך אפגע'הרג'ט דאס ביסל חינוך וואס דאס קינד באקומט יא אין די מוסד, באקומט ער שוין אויך נישט. ווייל אז מען האט אוועקגענומען דאס חשיבות פון דעם וואס מען האט מחנך געווען אין די מוסד, קומט אויס האט דאס קינד גארנישט.

**חינוך** דארף זיין די עלטערן צוזאמען מיט די מוסד, מיר דארפן זיין אויף איין שיטה. אונז זיך מיר די טובה פון דעם קינד, און דאס זעלבע דארפן די עלטערן זוכן די טובה פון זייערע קינדער. מיר זענען שותפים אין די עבודת הקודש. די הנהלה ביי אונז טוט וואס עס איז אין אירע כוחות צו טון, מען גיט זיך איבער שעות מיט שעות, מיט די מיידלעך, און די זעלבע איז ביי די בחורים. מען האט נישט קיין השגה וואס מגידי שיעור, און וואס די אלע מנהלות אין סקול, גייען אדורך מיט יעדן מיידל עקסטער. נישט נאר פון די צייט וואס מען איז אין סקול, די פראבלעמען וכדומה וואס מען טוט מיטהאלטן, און מען טוט ארויסהעלפן דערצו נאכדעם. זיי טוען אסאך מאל יותר מכפי יכלתם, פון דאס ביסל צייט וואס מען איז שוין אינדערהיים, גייט אויך אוועק א גרויס חלק אויפן טעלעפאן, ארויסצוהעלפן פאר די פראבלעמען וואס איז דא. אבער אסאך מאל פעלט די השתתפות פון די עלטערן, מען רעדט צו די קינדער זאכן וואס איז אקעגן דעם סקול, עס איז נישט וויכטיג אלעס וואס מען פארלאנגט פונעם סקול, מען מאכט אמאל א הלצה פונעם טיטשער, פון די מנהלת, צו פון דער זאך פון וואס מען רעדט.

**מען** געפונט ביי ישמעאל, ווען ער איז געווען אין שטוב פון אברהם אבינו, און שרה האט געזאגט פאר אברהם אבינו, שיק אוועק דעם ישמעאל פון שטוב, כי לא יירש בן האמה הזאת עם בני עם יצחק, זי האט נישט געוואלט אז יצחק זאל זיין מיט דעם ישמעאל צוזאמען. וואס האט מען געזען ביי דעם ישמעאל? שטייט אין פסוק (בראשית כא-ט), אז ישמעאל איז געווען א מצחק. רש"י זאגט, מצחק איז א לשון עבודה זרה, גילוי עריות, שפיכת דמים. די מפרשים זאגן, ער האט נישט געריעדט פון עבודה זרה, ישמעאל האט געוואוסט אז ביי אברהם אבינו אין שטוב רעדט מען נישט קיין עבודה זרה, און פון די אנדערע עבירות רעדט מען אויך נישט. נאר איין זאך האט ער געטון, מצחק, אפגעלאכט. וואס יצחק האט געטוהן עפעס א גוטע זאך, האט ער געמאכט א זשאו"ק דערפון. אברהם האט געזאגט עפעס, שרה האט געזאגט, נו די אלטע מאמע האט געזאגט, די פריערדיגע דור, זי פארשטייט נאכנישט וכדומה. אפלאכן איז א לשון פון עבודה זרה, גילוי עריות, און שפיכת דמים. דאס איז די צווייטע שטאפל וואס קומט נאכדעם. די ערשטע שטאפל הייבט זיך עס אן מיט א הלצה, און נאך די הלצה פאלט מען אדורך אינגאנצן. - מען דארף מיטהאלטן. די תקנות וואס מען מאכט, איז נישט קיין תקנות וואס מען צווינגט ארויף, דאס איז תקנות וואס עלטערן וואלטן געדארפט בעטן פון אונז, זייטס מחנך אונזערע קינדער אויפן ריכטיגן וועג. מיטהאלטן מיט דעם וואס מען בעט.

*

**מיידלעך** דרייען זיך ארום מיט טעלעפאנס היינט, זייט עס איז געווארן דער מצב אין די וועלט, האבן רובא דרובא טעלעפאנס פריוואט, און רובא דרובם האבן טעקסט אויך. **ווי קען א מאמע שלאפן רואיג ביינאכט, ווי קען א טאטע שלאפן רואיג, ווען די טאכטער דרייט זיך ארום מיט א טעלעפאן וואס זי קען רעדן צו ווען זי וויל?!** יעדער קען איר אריינרופן ווען זי וויל, יעדן וועם עס פאלט איין צו שיקן פאר איר עפעס א מעסעדזש אויף טעקסט, קען אריינשיקן פאר איר, און איך ווייס נישט וואס מען האט איר געשיקט, און איך ווייס נישט וואס זי האט געענטפערט דערויף, און איין ווארט ברענגט א צווייטע, און א צווייטע ברענגט א דריטע ווארט. **ווי קען מען זיין רואיג ארויסצוגעבן פאר א קינד זאל זיך**

**ארומדרייען אין טאש מיט א פריוואטן טעלעפאן.** מילא טעלעפאן איז טעלעפאן, מען רעדט נאך נישט אזויפיל, אבער טעקסט, האט מען דאך פריער געהערט, עס איז נישט דא קיין בושה, מען קען טון וואס מען וויל, מען קען רעדן די ערגסטע זאכן אויף טעקסט, מען ווערט נישט רויט, עס איז נישט דא מיט וואס זיך צו שעמען איינער פארן צווייטן. און דאס טוען פרעמדע מענטשן, א פרעמדער האט זיך אנגעטשעפעט, ער ווייסט די טעלעפאן נומבער וכדומה, ער קליקט אריין וואס ער האט צו טון. **און איך וועל נישט זאגן אז דאס איז מעשים בכל יום, אז עס זאל פאסירן, נאר עס איז מעשים בכל שעה!!** נישט בכל יום. וועלכער מיידל מען זאל פרעגן, וועט מען געוואר ווערן אז זיי האבן געהאט נסיונות מיט טעקסט וואס איז אריינגעקומען. נאר אויב קיינער ווייסט נישט איר טעלעפאן. אבער אויב איר טעלעפאן איז ארויסגעגעבן, קומט אריין זאכן וואס מען האט נישט געוואלט הערן, אדער מען האט נישט געדארפט וויסן, דאך קומט עס אהן.

**מען** דארף נישט ווארטן אז דער מוסד זאל מאכן די תקנות. וואו זענען די עלטערן? עטץ וואלטס געדארפט מעורר זיין די מוסדות, און בעטן מאכטס תקנות פאר אונזערע קינדער, מיר זאלן זיי קענען האלטן. אונז וויל מיר ערליכע יודישע דורות, אונז וויל מיר נישט אז אונזערע קינדער זאלן ארויסגיין לתרבות רעה. **ווען א קינד גייט ארויס חס ושלום נישט אויפן ריכטיגן וועג, וועם בלעימ"ט מען, די סקול איז שולדיג. א בחור איז נישט ארויסגעגאנגען ווי עס דארף צו זיין, די ישיבה איז שולדיג. די ישיבה איז שולדיג? די ווייסט וויפיל די ישיבה האט אריינגעלייגט אין דיין בחור? דו האסט א השגה וואס די סקול האט אריינגעלייגט אין דיין טאכטער? די שטוב איז שולדיג! מען האט נישט מיטגעהאלטן, מען האט נישט מיטגעארבעט, מען איז נישט מיטגעגאנגען צוזאמען. פאר די סקול גייט עפעס געשעהן אז דאס מיידל איז יצא לתרבות רעה? די סקול וועט עפעס ליידן דערפון? טאטע מאמע ליידט! עס איז ענקער פראבלעם! חס ושלום א קינד איז נישט געלונגען, עס איז ארויסגעגאנגען פון די סקול ווי עס דארף נישט צו זיין, ווער נעמט דעם פעקל אויף זיך שפעטער? עס איז די עלטערן'ס פראבלעם.** אונז דארף מיר טון אלעס וואס אונז קען מיר, כדי מיר זאלן קענען ערציען ערליכע יודישע דורות.

**עס** איז ערב ראש חודש שבט, שבט איז ראש השנה לאילנות. לויט די בית שמאי איז דאס פון אנהייב, לויט די בית הלל שפעטער (ר"ה ב.). כי האדם עץ השדה (דברים כ-יט), א מענטש איז צוגעגליכן צו א בוים. א בוים ווייסן מיר, אז ווילאנג עס איז א יונג צווייגל, א יונג ביימל, איז זייער גרינג צו שטעלן דאס ביימל אויפן פלאץ, אז עס זאל שפעטער אויסוואקסן א שיינער געזונטער בוים. פאר דעם דארף מען ערנערן דעם בוים, מען דארף געבן וואסער, און מען דארף האבן די ווינטן, מען דארף האבן די שניי, וואס יעדער בוים גייט אדורך כדי עס זאל קענען וואקסן און בליען. און ביז ווילאנג דער בוים איז יונג, אויב מען זעהט אז ער איז קרום, בייגט מען אים, און מען קען אים אביסל אנהאלטן, און עס וואקסט נאכדעם ארויס א שיינער בוים. איינמאל מען האט דאס פארפאסט, מען האט זיך נישט אומגעקוקט אויף די קורצע צייט ווען די ביימעלע איז געווען יונג, אז מען זאל אים לייגן אויפן גראדן פלאץ, און ער הייבט אהן זיך בייגן קרום, איז שוין גארנישט דא וואס צו טון. עס איז זייער שווער מען זאל נעמען א בוים, און מען זאל אים קענען טוישן. ווען אונזערע קינדער זענען נאך יונג, יעצט איז די צייט, אין די פאר יאר וואס די קינדער זענען אין די מוסדות, דאס איז די קריטישסטע צייט וואס אונז קען מיר אויסארבעטן אז אונזערע קינדער זאלן גיין אויפן ריכטיגן וועג. מיר זענען מחויב צו טון אלעס וואס איז בידינו אז מען זאל קענען צו דעם צוקומען.

**און** דאס איז די סיבה פארוואס מען האט צוזאמגערופן דעם ציבור, כדי אויפצוקלערן, און פארשטיין דעם געוואלדיגן אחריות וואס מיר האבן. אונז האב מיר אן אחריות פאר אונזערע דורות, עס איז אונזער פארמעגן. עס איז אונזער פארלוסט ווען אונז פארליר מיר עס. עס איז אונזער נחת ווען מיר האבן עס, אונז דארף מיר טון אלעס וואס מיר קענען, כדי אז אונז זאל מיר קענען מחנך זיין ערליכע יודישע דורות.

*

**עס** איז א פראבלעם סיי ביי די מיידלעך, און סיי ביי די בחורים, ווי מען האט פריער געהערט. אז מען זעהט זיך אהן מיט זאכן, מען הערט זאכן, דער קאפ איז שוין נישט דארטן, אפילו מיט כשר'ע זאכן, ווי מען האט פריער געהערט. אונז וואלט מיר

געדארפט אויפקלערן אונזערע טעכטער, אז עס איז נישט א עול, איך שטער דיך פון צו האבן א טעלעפאן, איך שטער דיך צו האבן טעקסט. קום און בעהט מיך אז דו ווילסט נישט האבן קיין טעקסט, פארוואס דארפסטו זיין אויסגעשטעלט צו נסיונות פון די וועלט. פריי זיך אז דו ביסט אין א מסגרת ווי דו ביסט ערליך, דו ביסט פיין, דו ביסט וואויל, מען קען דיך אזוי ערציען ווייטער. אונז זיך מיר דען ענג צוטון? אונז זיך מיר דיין טובה! אונז זיך מיר דיר ארויסצוהעלפן. איך וויל נישט דו זאלסט האבן די נסיונות, און דו זאלסט אדורכפאלן אזוי ווי פלוני ופלוני. דו ווילסט נישט אויסקוקען אזוי ווי יענער, און אזוי ווי יענער, עס איז אין דיין האנט. אבער טאמער דו וועסט נישט מאכן די גדרים און סייגים וואס אונז פארלאנג מיר, וועסטו אנקומען ווי יענער איז אנגעקומען. יענער האט אויך געמיינט אז ער וועט נישט אנקומען וואו ער איז, און דארט איז ער אנגעקומען. עס איז אונזער נסיון פון דעם דור.

*

**אז** דער אייבערשטער גיט א נסיון, גיט ער אויך די כוחות הנפש אז מען זאל דאס קענען בייקומען, עס איז נישט קיין ספק, דער באשעפער שיקט נישט קיין נסיון אויף אונז, וואס אונז קען מיר נישט בייקומען. אויב מען וואלט נישט געקענט אדורכגיין דעם נסיון פון טעכנעלאגיע, וואלטן מיר נישט געהאט אזא נסיון. - עס איז דא א הייליגע ווארט פונעם **חידושי הרי"ם**, דער חידושי הרי"ם האט געזאגט, אז די גמרא (כתובות לג:) זאגט אויף חנניה מישאל ועזריה, וואס זיי האבן זיך מוסר נפש געווען, זיי האבן זיך אריינגעווארפן אין א קאלעך אויוון. זאגט די גמרא אילמלי נגדוה, ווען מען וואלט זיי נישט אריינגעווארפן אין א קאלעך אויבן, נאר מען וואלט זיי געגעבן קלעפ, וואלטן זיי עס נישט געקענט אויסהאלטן, און זיי וואלטן נישט געקענט עומד זיין בנסיון. תוספות פלאגט זיך שוין דארטן, וואס דער פשט דערפון איז, אבער אזוי שטייט אין די גמרא. האט דער חידושי הרי"ם געזאגט, פארוואס דערציילט אונז דאס די גמרא? די גמרא וויל אונז פארציילן אז חנניה מישאל ועזריה זענען נישט געווען אזעלכע גרויסע צדיקים? נאר פארברענען האבן זיי זיך געלאזט, אבער קלעפ וואלטן זיי נישט געקענט אדורכטראגן?

**האט** דער חידושי הרי"ם געזאגט, ניין. די גמרא וויל אונז פארציילן, אז אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוואוסט אז קלעפ וועלן זיי נישט קענען אדורכטראגן, האט דער אייבערשטער דאס נישט געגעבן. פארוואס איז נישט איינגעפאלן פאר די וואס האבן אריינגעווארפן חנניה מישאל ועזריה אין קאלעך אויוון, אז מען זאל זיי שלאגן. ווייל אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוואוסט, אז דאס וועלן זיי נישט אדורכטראגן, גיט נישט דער אייבערשטער אזא נסיון. דער אייבערשטער גיט אונז נאר אזא נסיון וואס אונז קען מיר בייקומען. אונז קען מיר בייקומען דעם נסיון, ווייל עס איז דא וועגן, עס איז נישט געצוואונגען, אז א מענטש מוז זיין מיט א אפענעם טעלעפאן, טאג און נאכט. מען קען זיך מאכען גדרים, און יעדער דארף זיך מאכן. און כל שכן ווען מען רעדט פון די קינדער, זיי האבן נישט קיין סיבה, פארוואס זיי זאלן דארפן צוקומען דערצו. און אפילו ערוואקסענע וואס דארפן ליידער יא צוקומען דערצו, ווי מען האט פריער געהערט, עס איז היי"ר ט"ו סטע", מען קען עס נישט אוועקנעמען, עס בלייבט דא, און אונז דארף מיר לעבן מיט גדרים און סייגים. אונז דארף מיר נישט אלעס האבן אין שטוב, האלט עס נאר פאר זיך, אין דיין קאר, אז ווען מען דארף עס האבן זאלסטו עס קענען נוצן, אבער מאך עס נישט פאר דיין טאג טעגליכן לעבן. **דיין טאג טעגליכער לעבן זאל זיין א פשוט'ער טעלעפאן, און וואס דו דארפסט זיך קענען באנוצען דערמיט, דאס זאל זיין דיין לעבן.** אז דו דארפסט האבן א זאך פאר געשעפטליך, לייג עס עקסטער, נוץ עס נאר ווען דו דארפסט עס. עס איז נישט וויכטיג, אז ווייל דו דארפסט עס האבן פארן געשעפט לצורך פרנסה, זאלסטו זיך דארפן באנוצן דערמיט שטענדיג.

**סוף** כל סוף ווי מען האט פריער געהערט, **מען ווערט דאך עדיקטע"ט דערצו**, מען קוקט אסאך מאל אן יונגעלייט, פינף מינוט קען ער נישט שטיין, ביז ער נעמט עס נישט ארויס פונעם טאש. איז עס פאר די שמונה עשרה, איז עס נאך די שמונה עשרה, די פאר מינוט וואס ער שטייט שמונה עשרה, קען ער זיך נישט מצמצם זיין, ער ווערט עדיקטע"ט דערצו. און נאכדעם איז מען נישט קיין מאן אין די שטוב, און נישט קיין טאטע פאר די קינדער, זיין קאפ איז ערגעץ אנדערש, זיין קאפ איז נישט דארט.

**מיר** קענען מאכן גדרים וסייגים פאר די קינדער, אונז קען מיר מאכן גדרים וסייגים פאר אונז, מען דארף נאר וועלן. אז עס איז דא א רצון, אז מען וויל, אין לך דבר שעומד בפני הרצון (עיין זוה"ק ח"ב קסב:). און טאמער אונז שפיר מיר, אז אונז קען מיר נישט מאכן קיין גדרים וסייגים, זענען מיר שולדיג ווייל מיר האבן נישט קיין רצון דערצו. עס איז אונז גוט אזוי אויך. אבער ווען אונז וואלט מיר באמת געוואלט צוקומען צו וואס אונז וויל מיר צוקומען, געדענקן אז אונז האב מיר נישט קיין לעבן נאר אויף די וועלט, נאר התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין. אונז לעב מיר נאר אויף די וועלט, כדי צו טון דעם רצון פונעם אייבערשטען, אונז זאל מיר זוכה זיין צו חיי עולם הבא, עפעס אנדערש אויף דער וועלט אינטערעסירט אונז נישט, דעמאלטס וועלן מיר זיך קענען האלטן בדרכי התורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, גלוי וידוע לפניך שרצוננו לעשות רצונך, יעדער איינער וואס איז געקומען, איז נישט געקומען ווייל מען האט אים געצוואונגען, ער איז געקומען ווייל ער וויל טאקע באמת זעהן וואס איז די טובה פון זיינע קינדער, און ער איז גרייט זיך צוצשטעלן דערצו. זאל דער באשעפער געבן, מען זאל קענען אויספירן דאס וואס מען האט פארלאנגט. אונז פון דער מוסד זייט, זאלן מיר קענען מחנך זיין אונזערע קינדער, וואס עס ליגט דער פליכט אויף אונז, עלטערן אין שטוב זאלן מחנך זיין די קינדער. וואס מען רעדט קעגן טעכנעלאגיע אין סקול, דארפן עלטערן רעדן קעגן טעכנעלאגיע פאר די קינדער, די שעדליכקייט דערפון. מען זאל אריינברענגען אהבת תורה און יראת שמים אין אונזערע דורות, ווי מען האט פריער גערעדט. **אין די צייט וואס מען איז יא צוזאמען עלטערן מיט די קינדער, די שבתים, די ימים טובים, וכדומה, זאל מען אריינלייגן אסאך ווארימקייט. בכלל דארף אייביג זיין די לופט פון א שטוב, א אויפגעלייגטע שטוב, א רואיגע שטוב, דאס גיט די אטמאספער פאר א קינד, אז דאס קינד זאל נתחנך ווערן אין א רואיגען און ערליכען וועג.** זאל דער באשעפער געבן אז חפץ ה' יצליח, מיר זאלן קענען מצליח זיין אין חינוך הבנים והבנות. אין דעם זכות זאלן מיר זוכה זיין להשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

***יום רביעי פרשת וארא***

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של חמותו הרבנית מוואדקערט ע"ה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להבית החיים בניו דזשערסי (בחלקת ק"ק סאמבאטהעלי). **רבינו שליט"א** הדליק נר על ציון אביו זצ"ל, ועל הציון של חמותו הרבנית מוואדקערט ע"ה, והמשיך באמירת תהילים למשך זמן.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום חמישי פרשת וארא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, והתפלל שם תפלת מנחה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בן הר"ר **לייב ראזענבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהושע דוד הערשקא** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי אשר הלברשטאם שליט"א** מצאנז סטראפקוב, עב"ג בן **הרה"ג רבי מנחם מענדל כ"ץ שליט"א** אב"ד ראסלאוויץ, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת וארא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהגה"ק בעל שפת אמת מגור זצ"ל** (לרגל היומא דהילולא ביום ה' שבט).

בקריאת התורה התקיים שמחת עליה לתורה של החתן **ישכר דוב** (ב"ר מרדכי) **נאה** נ"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.